א.מ. דיק, סאלדאטשקע זין ווילנא 1876



אזו איין שעדליכין איין דרוק וויא אויף דיא אנדערע [illegible]ער ווייל מיינע מוטער וואר איינע גרויסע צוכט און איינע גרויסע ווירטין. און האט פאר שטאנען פיל בעסער אלס אנדערע וויא אום צוא גיין מיט קינדער. דען וויא די וואהרהייט צו זאגין האט זיא עס גילערינט דינענדיג אין איין גבירעשע הויז דארטין אין סקלאוו וואס דיא ווירטין וואר איינע ווילנערין. זיא האט מיך גיפירט זייער ריין. צוויי מאל אין וואך מיינע ווייסצייג געביטין. אלע טאג מיינע שטיוועליך געפוצט מיינע בגדימלאך געזוויבערט און אום עס ריינטליך צוא האלטין פלעגט זיא מיר צוא געבין אלע טאג איין שנופ טיכיל אין קעסינקע און האט מיך גילערינט וויא עס צוא גיברויכין בייא דר נאזע אויס שנייצין און וואר שוין אזוא איין גיוואונט צוא דער ריינטליכקייט דאס איך האב מיר גיהיט פון שמוציקייט וויא פון פייער און האב מיך גיפירכטעט צוא קומען אהיים מיט אפלעק אויף מיין קאפאטקע אדער אויף מיינע הויזעלך ווארום דיא מוטער פלעגט מיך בעשטראפין פאר דיא מינדעסטע שפריינקעלע אויף מיינע בגדים אויך פלעגט זיא מיר אימער צוא קאראזירין (רייניגין) די שפראכע מיינע דאס איך זאל ניט אזוא גראב און פאר דארבין ריידין וויא דיא אנדערע קינדער און וויא דער רבי זעלבסט. און דאהער האט מען מיך גירופין אין חדר „העלפקע דער טייציל". נון פאר שטייט זיך שוין פון זעלבסט דאס מיינע מוטער זעלבסט האט זיך העכסט ריינטליך גיהאלטין און דאס גלייכין דעם פאטער און דאס קליינע הייזכין אין וועלכע מיר האבין גיוואונט דאס עס וואר איינע פריידע אריין צוא גיין אין איר. עס וואר ציכטיג און ליכטיג אין אלע ווינקעלאך. דיא קליינע שייבלעך פון דיא קליינע פענסטער ווארין העכסט זויבער מיט זויבערע פארהאנקעס. מיט צוויי דריי וואזאנציקעס דער בייא אשטייגעלע מיט אשציגעלע און זיא אליין וואס וואר שיין וויא איינע פענוס דיא פערלע פון שטאט און וואס זיא וואר דאהער גירופין „דיא צוקערקע" וואר אין דיזעם הייזכען אימער בעשעפטיגט וויא איינע אמייזע (מוראשקע) גישפינט גינייט וואסיגין



גיוואסין גיקאכט און פלעגט ארויס גיין אין גאס וויא איינע דאמע (טעקעלע) דאס זיא פלעגט אן ציהען אויף זיך טויזינדען אויגין הן פון אידין הן פון קריסטין. און גראדע פאר דיזע גרויסע ווייבליכען טוגענדען אירע האט זיא געליטין פיל מער אלס מאנכע פאר דיא גרעסטע לאסטער (זינדע). דען דיא שטאט לייטע האבין עס אן גינומען אלס פאר גרויסע חסרונות. דיא ריינטליכקייט פאר איינע אפיקורסעס דיא געשעפטיקייט צוא הויזע פאר איינע קריסטליכקייט נון הייסט עס „בחוקותיהם לא תלכו". דיא שיינהייט פאר איינע חציפות. זייא האבין עס (עס פאר שטייט זיך אוים קנאה נור) אוים גירעט מיינעם פאטער פאר וואס ער שטראפט ניט דיא מוטער פאר אירע טייצערייא. און ער וואס ער האט ניט גיוואוסט וואס קנאה קען טאן בפרט נאך ווען עס איז איר מעגליך צוא פאר שלייערן זיך מיט דעם פלאר פון קנאת הדת (פרומקייט). האט איר גראדע מצדיק גיוועזן פאר זייא און האט זיך נאך לוסטיג גימאכט איבער זייערע פרויען וואס זיינען ניט אזו און דיזעם האט אים שוין גינוג גיקאסט וויא איך וועל דא אין דעם צווייטין קאפיטיל דער ציילין. פיר יעצט אבער דאס הייסט אין דיזין קאפיטיל בלייבט מיר נאך איבעריג מער ניט וויא איין עטוואס צוא דער ציילין פון מיינעם זעליגין פאטער ער וואר דאן איין גאנץ שיינער יונגער מאן. שיין גיוואקסין. איין גאנץ בראווער מאן מיט אגעזונטין מענטשין פאר שטאנד העכסט גישיקט אין זיינע ארבייט (פלאקס בינדערייא) האט זיך פאר דינט זיין הוצאה ברוח האט העכסט גיליבט מיינע מוטער און מיך און ווארען אלזוא אלע ביידע העכסט צוא פרידין איינע פון דיא אנדערע און צוא פרידין מיט זייער שיקזאל. און האבין זיך אזו גיקענט פאר טריימען זייער גאנצעם לעבין אין זיסער איין טראכט (שלום) און גיניסין די וואהרע גיטער (גליקין) פון מענשליכין דאזיין (דויער) אין דיזער וועלט ווען עס וואלט זייא ניט אן געהויכט דער פערפעסטעטע אטהעם צוג פון נייד (קנאה) פאנאטיזמוס (פאלשע פרומקייט) און איינענוץ און האט זייער פרידליכעם קארטענהייזכען

פייגל דער אנטלאפענער רעקרוט



קארטענהייזכען *) איין געשטירצט (איין געווארפין) אונ פאר וויהעט אירע פיר ווענטעלאך אין דיא פיר וועלט טיילען פון גאטעס וועלט.

## 3.

### דער שרעקליכע פרייטיג צוא נאכט

אין דעם יאר (1840) פרייטיג צוא נאכט פרשה לך וואר אין דרויסען העכסט שטירמיש, עס האט זיך אין אים געצייגט דאס ערשטע מאל דער הערבסט מיט אלע זיינע גיוואלדין אונ רויהייטין עס וואר אין דרויסין אגרויסער שטורעם מיט אגרויסין רעגין אונ איינע דערבע אונ וויסטע קעלט. עס וואר פינסטער ווי אין איינעם אויגע אונ דיא געסלאך אוים גישטארבין. דען דיזע שטאט וואר נור בעוואוינט דאן פון יודין. נון ווארין דאן פעסט צו גישלאסין אלע ראמען אונ אלע בראמען. אונ אלע לאדין אום עס זאל ניט געשעהען קיין שאדין. דען עס וואר שוין ארום צעהען ביי נאכט אונ דאן האט שוין דיא גאנצע אידישע וועלט אריין געשנארכט (אריין געתראפעט) וויא איין נאכט וועכטער ארום איינם ביי נאכט אין איינע דומפיגע פינסטערנעם נור אין איין קליינעם הייזכען וואס איז גישטאנען אין עקע פון איינער קליינע געסכען וואר נאך צוא שפירין איין שפור (סלאד) פון לעבען אונ דיזעס הייזכען וואר קיינע אנדרע אלס מיינער עלטערין מיר ווארין נאך אלע דרייא אויף. דער צוא

נאך

*) איין קארטען הייזכען ווערט אן גירופין גרינדליך איין שטיבעלע וואס קינדער מאכין פון קארטין אונ וויל זיא איז לייכט איין צוא פאלין דורך דעם מינדעסטין הויך. ווערט פאר גליכין דאס מענטשליכע גליק וואס איז אויך זייער לייכט איין צו שטירצין צוא דיזעם קארטען הייזכין. אין איוב ווערט פאר גליכין דאס מענשין גליק צוא איינער שפינגעוועבע בית עכביש מבטחו.



נאך איין פערטער איין ישיבה בחור פון סקלאוו איין בעקאנטער פון מיינע מוטער וואס פלעגט צוא עסין ביי אונז שבת. מיר האבין צוואר שוין לאנג אפ גיגעסין. דאך וואר נאך ביי אונז דיא לאדין אפין אונ ליכט האט גיברענט אויף דעם טיש מיר זיינען זיך אלע גיזעסין ארום טיש אונ האבין זיך פריינדליך אונטער גיהאלטין פון פאר שיידענע ענינים איבער דיא צ״ע בעלי בתים. איבער דיא סקלאווער. איבער חסידים איבער מתנגדים. אונ איבער ווילנעצקע בכלל. אויף דעם טיש איז גישטאנען אקרוג עפיל קוואס. אטעלער מיט באבעם. אטעלער מיט ניסלאך. אונ מיר האבין זיך דער ביי גיפרייט דאס מיר זיינען אין אזוא איין וועטער צוא הויז. אונ מיין פאטער האט דער ציילט ביי דיזער גילעגינהייט אפאר קליינע געשיכטען וואס עס האט פאסירט מיט אים פאר איינינע יאר אין אזוא איין הונדעם וועטער וויא דיזער איז. זיי ווארין אזו שרעקליך דאס מיינע מוטער האט מיט גרוים האסט ערגריפען זיינע האנד אונ האט דער ביי גאנץ ערינסט אוים גישריען נון האב איך דיך שוין אין זיכערין.

קוים האט זיא עס אוים גישפראכין האט מען אן גיהויבין צוא קלאפין אין טיר זייער שטארק. אונ אלס מיין זעליגער פאטער האט גיפרעגט ווער איז דארטין האט מען פון דרויסין אנשטאט איינעם פריינדליכין אנטווארט אבריק גיטאן דיא טיר דאס זיא האט זיך שוין פון זעלבסט אויף גימאכט אונ עס איז אריין אין שטוב איין אידישער אישבארשציק מיט דרייא דישאטניקעס אונ צווייא סאלדאטין אלע מער פאר שוועכט אלס ניכטער. קוים האט מיינע מוטער זייא דער זעהען. איז זיא גיווארין וויים וויא קאלך אונ האט מיך וואס צום גיכסטין אריין גיווארפין אין בעט אונ האט מיך צוא גידעקט מיט דער פערענע דען זיא האט נימיינט דאס דיזער בעזוך גילט נור מיך דען אין יענע צייטין וואר דיא גיזעצע דאס מען זאל נעמען פון אידין קליינע קינדער אויך אבער ניט ווייניגער פאר צוועלף יאר. דיא אבצעסטווא אבער פלעגין דאן

אפ

אפ צוא נעבין פיל אינגערע. זעקס זיבין יאריגע קינדר. דער צו נאך בני יחידים. הען דער רייבער אדער וואס ווער נור עפעס בכלל באלעבאס. אדער וואס האט נור גיקענט עטוואס שאלעמוזין ווער פאר שוינט אונ זייער כפרה פלעגט צוא זיין דאס אום שולדיגע אייציגע לעמליין פון איינעם גימיינעם אונ עלענדען מענטשין. אזו איין ארט וויא מיינע עלטערין ווארין הארטין אין שטאט ביידע גידינגטע פאר דער חתונה. אונ בפרט נאך מען האט גיהאט וואס אוים צוא זעצין אויף זייא דאס זייא פירין זיך אויף וויא קריסטין. נון הייסט עס איינע כשרע לעפיל אין איינעם כשרען טעפיל.

מיינע מוטער אבער האט זיך גאנץ געאירט ניין דיזער בעזוך האט גיגאלטין איינער פיל וויכטיגערין פערזאן אלס מיך:. אונ דיזע וואר קיינע אנדערע אלס מיין פאטער "נוא הערשקע טוא דיך אן אונ קום מיט אונז" האט זיך דאן אפ גירופין דער איספראוועשטיק "עס איז דיין צערעדע" אונ אלס מיין פאטער האט גימאכט איינוועגדונגען דאס ער איז נור איינער אין דער איסקאסקע אונ דאס ער איז שוין פיל מער אלס דרייסיג יאר האט אים דר איזבארסטיק אפ גיענטפערט זייער גראב דאס וועסטו טענען ביי בית דין דער ווילע גייא מיט אונז. מיין פאטער וואר דאן גיוואקסען אונ שטארק וויא איין ריז אונ מוטהיג וויא איין לעווע (לייב) "הערט ר' חאצקיל האט ער זיך אפ גירופין צוא אים איך ווייס קלאר וויא מיר האבין אבורא אין הימיל דאס לויט גיזעצע דאס לאנדעס דארף איך ניט גיין פאר איין סאלדאט. דען ערסטינם בין איך קיין צערעדע אונ צווייטינם בין איך שוין ארוים פון דיא יארין. נון ווילט איר מיט מיינע בלוט פאר שוינען ארב שמעלקען דאהער זאלט איר וויסין דאס איך וועל מיך פאסטופייען מיט אייך אויך ניט לויט געזעצע. איך זאג אייך ווילט איר נאך זיין איין פאטער צוא אייערע קינדער גייט אייך אהיים גיזונטער הייט" אונ אלס דער איזבארסטיק וואס וואר אויך קיין קראנקער אינגיל האט ארוים גינומען איין שטריק פון אונטערין פוזים אונ האט גימאכט אמינע אים צו בינדין דען ער האט אוואונק

גיטאן

וואס האבין בעווינט זייערע מענער אונ זייערע קינדער . עס וואר
נאך דאן צוואר קיין אוקאז אויף איין נאבאר . דאך אום פרייא
טאג האט אבצעסטווא שוין באקומען ווינט (אידיעה) דאס עס וועט
שוין באלד קומען איין גרויסער נאבאר צעהען פון טויזענד .

א מיינע טייערע לעזער ביז מיין לעצטין אטעם צוג וועל איך
דיזע שרעקליכע נאכט ניט פאר געסין זיא שטייט מיר נאך טיף
איין געדריקט אין מיינעם גידאנקען . איך זע איר נאך גלייך וויא
איצט וואלט דאס גיוועז איינע נאכט וואס וואר דאן פאר אונז איינע
אייביגקייט . קוים וואר דער פאטער אפ געפירט פון שטוב אונ
מיר זיינען געבליבין אליין צוא הויז האט מיינע מוטער אונ איך
אוים גיבראכין אין איינעם שרעקליכין גיוויין . אונ האבין איינער
דעם אנדערין אריין גיוויינט הייסע טרערין אין דיא אויגין . מאנכע
פרויען אונ מוטערס זיינען שבת אריין גיפאלין אין שול אונ אין בית
המדרש אונ האבין ניט גילאזין לייענען / מיינע מוטער האט עס
ניט גיטאן דען וויא געזאגט זיא וואר קליגער וויא פרימער . זי האט
זיך פער האלטין גאנץ רוהיג האט דאס הייזכען אונזערע ווידער איין
געארדינט וויא גיוועזין . אונ האט נאך ניט איין מאל ניט גיפרובירט
צוא בעטין דאס מען זאל איר צוא לאזין צוא דעם פאטער מיינעם .
אונ אין עטליכע טעג ארום איז זיא אוועק מיט מיר אין גובערניע
אום אן צוא געבין איינע ביט שריפט צום גובערנאטאר . דען זיא
וואר איינע גרויסע ריידעהקע אונ זייער דרייסט (מוטהיג) אום מיט
איינעם קייזער צוא ריידין . ביא אלעם דעם האט זיא גאר ניט אוים
גיפירט . דען ביז וואנען זיא האט באקומען איינע ראזולוציע דאס
מען זאל מאכין אסלעדסטווא צוא איז ווירקליך דאס ער איז שוין
עלטער אונ איז ווירקליך קיין מחויב איז דיא מוטער גיווארין קראנק
פון קלעמענם פון קריינקונג דאס זיא האט שוין מער אלס זעקס
וואכין גימוזט היטין דיא בעט אונ דר ווייליע האט מען דעם פאטער
אפ גיגעבין . אונ איז גיקומען נאך דעם צוא איר מיט אדזאדעסקע
אויף דער שטאנציע איהרע כדי צוא נעמען אפ שייד פון איר דען
מען



מען האט אים באלד נאך דעם פריאם אוועק גישיקט אין וועג .

נוא איז מיינע ארעמע פעדר ניט אין שטאנד צוא בעשרייבין
ריכטיג דיזע טרויעריגע שצענע פון זיינעם נעמען אב שייד פון
אונז . איך טרויע אבר צו מיינען צערטליכין לעזערין דאס זיי וועלין
אן מיין בעשרייבין פון זעלבסט וויסין וויא עס צוא מוטה איינעם
צערטליכין פאטער אונ גאטע (מאן) צוא שיידין זיך פון איינער
געליבטין גאטין (ווייב) אונ פון איינעם איינציגין אונ ליבליכין קינד
אונ אזוי אום גיקערט דאס הייסט איינע צארטע גאטין אונ קינד
פון איר גאטע (מאן) אונ פון פאטער . אונ ביא אלעם דעם האט
דיזער שיידין גיהאט פיל מער אוים זעהען וויא דיא שיידונג פון
איינעם קויף מאן וואס פאר רייזט גישעפטעם האלבער אין איין
ווייטעם לאנד אויף איין יאר אלס די שיידונג פון איינעם סאלדאט וואס
וואר דאן אין יענער צייט ענטריסען פון דען זייניגען אויף איינער
אייביגקייט „הער צוא מיינע ליבע קריינע" האט ער איר געזאגט
וויסינדיק דיא אויגין עס איז נאך דאס אום גליק ניט אזוי גרויס וויא
דוא שטעלסט דיך פאר . איין ערליכער אונ ניכטערער מענש איז אין
שלוזבע אויך ניט פאר לארין . אין פאר לויף פון איין יאר אלס איך
וועל שוין וויסין וואו מיינע פאסטאיאנע זיטעלסטווא וועט זיין
וועל איך שרייבין צוא דיר דאס דוא זאלסט קומען ציא מיר אונ
דוא וועסט זעהען דאס מיר וועלין דארטין אויך לעבין אונ פיליכט
נאך בעסער דוא וועסט דיר מאכין דארטין אגישעפטיל אונ איך
אליין גאט לויב בין קיין הינקעדיגער שניידער איך וועל דארטין
אויך פלאקס בינדין עס זיינען איבער אל דא מענטשין . אונ נאך
פיליכט בעסערע אלס אונזערע . מיר וועלין דארטין קיין קאראבקע
האבין . קיין אבצעסטווא . מען וועט דארטין ניט קוקין אויף אונז
צוא מיר גייען אונ לעבין ריין . אונ צוא דוא ביזט צוא פיל שיין .
איך האב אימער גיגלויבט דאס אלעם וואס וועט מיט מיר גיטאן
איז עס צום גוטין . אונ עס וואר עס אזוי ווירקליך . נון מיינע פרויא
גלויבע איך עס איצונד אויך דאס דיזעס וועט אונז גראדע פירין צום
גוטין

גוטין . אונ דאהער בעט איך דיך דאס דוא זאלסט שוינען דיין צייט דיין געזונד אונ דעם גראשין דאס דוא זאלסט דיך ניט קלאגען מיט אונזער פאר פלוכטע אבצעסטורא אום צוא בעפרייען מיך דען דוא וועסט געבין זייא ביט אויס פירן. גאטעס פלוך וועט זייא טרעפין אן דיך ער איז איין בעסערער אדוואקאט אלס דו מיך שיידין מענטשין פון אייך אונ זייא וועט גאט שיידין פון זייערע ווייב אונ קינדער . זייערע פרויען וועלין בלייבין אלמנות זייערע קינדער יתומים אונ וועלין זיך דאן שוין פון זעלבסט פאר קויפין פאר אחאטניקעס דען גאט האלט אימער שטרייגעס געריכט. דער ווילע מיין ווייב קויף דיר אפאר קיא אונ האנדעל דיר אונטער מיט הייפלאך פלאקס. דער ציהע צום גוטין אונזער קינד. גיב אים ניט אין אחדר. לאז קומען צוא דיר ארבין אין שטוב לאז אים לערנען שרייבין אונ לעבע אין האפענונג אויף בעסערע צייטין .

דיזע רייד זיינע וואר איין עכטער באלזאם אין איר וואונדעס הערץ זיא האט אים באגלייטעט ביז דיא קאזארמע אונ האט זיך אום גיקערט אהיים מיט רויט פאר ווייגטע אויגין דען דער בעסטע שיידין איז פאר בונדין מיט ליידין אונ האט זיך באלד גינומען צוא דער ווירטשאפט אונ האט אן גיהויבין צוא לעבין ריכטיג נאך דעם פאר שריפט פון מיינעם פאטער. זיא האט זיך געקויפט אפאר קיא אונ האט אן גיהויבן אויף צו קויפין הייפליך פלאקס. אונ גאט וואר מיט איר דען זיא האט זיך גינערט זייער גוט אונ וואר אימער אזוי ווייטער דיא זעלבע צוכט אונ געלאנטע פרויא וויא פריער אין דיא שטילע אבינטין אלס זיא פלעגט דרייען דיא שפינדיל וואר איך איר גאנצע אמוזעמאן (צייט פערטרייב) דען איך וואר בילדליך שיין זייער קלוג איך האב מיך גינומען זייער שטארק צום לערנען זיא פלעגט זיך אונטער צוא האלטין דאן מיט מיר וויא מיט איינעם דער וואקסענעם מענטשין איבער דיא פאר גאנגענהייט (עבר) אונ איבער אונזערע צוא קונפט (עתיד) וויא מיט איינעם דר וואקסענעם מענטשין. זיא פלעגט דער בייא פאר לירין מאנכע גרויסע טרעהנע





(טרערין) אונ באגלייטין עס מיט איינעם טיפין זייפצער (זיפץ) אונ דאן גיין צוא רוהע אזוי איז זיך פערשטריכין (איבער גיגאנגען) איין גאנצעס יאר איבער אונז וואס אונזער הארץ וואר גיוויגט אין אים צווישען פערצווייפלונג אונ: האפענונג דען מיר האבין פון אונזער פאטער גאר ניט גיהערט . אונ מיר האבין ניט גיוואוסט צוא ער לעבט צוא ער איז גישטארבין .

3.

## דער ערשטער בריף

אין ארונדעם יאר אויך צו דעם זעלביגין פרייטיג צוא נאכט פרשה לך אלס מיר זיינען ביידע גזעסין אין אונזער קליינע שטיבל בייא אונזער קליינעם טיש אונ האבין זיך גישפראכין פון דיא שרעקליכע שצענע וואס וואר אין דיזעם הייזכען מיט איאר צוא ריק אין דיזער נאכט האט דער פאצטעליאן אונז גיבראכט אבריף פון אונזער פאטער אבריף מיט דיא בעסטע נאכריכטען וואס איין מענטש זיינעם גלייכין קען יע גישריבין האבין .

"זייט מיר געגריסט מיינע ליבען וואר אין בריף געשריבען איך לעבע איך בין גיזונד . אונ העכסט צוא פרידין מיט מיינער לאגע איך גפינע מיך אין קאזאן איך דינע דארט אין דיא וואדנע. אונטער איינעם גוטין אפיציר באלד וויא איך בין אהין גיקומען האט מען מיך אפרעדעלאיעט אין דעם יערמילייעווסקען פולק וואס שטייט דארטין . אין פיר וואכען האב איך דער לערינט דיא שלוזבע גאנץ ווי גיהעריג אונ זייער לייכט אונ בין העכסט גיפעלין גיווארין מיינעם ראטנעם קאמאנדיר עפים פעדעראוויץ איין בראווער אונ העכסט גוטער מאן דאס אין אפאר חדשים ארום האט ער מיר גימאכט פאר איין קאפיטאנארמוס אונ אלס ער האט מיר דר קענט פר איין גאנץ ערליכין מאן אונ פאר איין שפאסאבנעם מענטשין וואס מען קען זיך אויף מיך פאר לאזין האט ער אלס ער איז גיווארין איין וואדנער אפיציר אויס גיבעטין מיך פון פולקאווניק דאס ער זאל מיך

FATHER GETS RICH IN HINTERLAND



אפ געבין אין זיין וואדנע ראטע אונ איך בין בייא אים בייא דער האנד. איך דינע אים גאנץ ערליך אונ ער איז העכסט צופרידין מיט מיר ער זעלבסט שארט מיר צו פערדינט איך ווער בעשאנקען פון דיא געהילץ הענדלער. פון די שיפער פר וואס איך אטפראווע זייא זייער גיך אונ אין אלע צייט דען איך בין אימער גאט זייא דאנק ניכטער אונ היט אפ מיין שלוזבע זייער פינקטליך אונ פאר שטייא צוא צוא קומען צוא מיין נאצייילניק ווען נור גייטיג איז אונ דיזעם איז בייא דיא סוחרים ווערט אלע געלטין. אלזוי האב איך שוין אין דיזעם האלב יאר וואס איך בין דארטין צו זאמען געשארט מער אלם הונדרט רובל קיין בעל הוצאה בין איך ניט אויף איין גראסין דארטין. אגאנצע וואך עס איך אויף מיין קוואטיר איין באזונדערע שטוב. ליכטיג ציכטיג. איך קאך מיר זעלבסט. פיש האב איך מער וויא פיל איך דארף. דיא שיף לייט בעשיינקען מיר זייער אפט מיט אקעז. מיט אקערבעלע פוטער. טייא טרינק איך בייא מיין נאציילניק. שבתים אונ ימים טובים עס איך בייא איין דארטיגין אידעשין גביר איין געוויסער מאירראוויץ פיל בעסער אלם איך האב צוא הויזע גיגעסין. אלזו מיינע ליבען שרייבט מיר נאר צוא לעבט איר צוא זייט איר גיזונד. אונ דאן וועל איך אייך שיקין אויף הוצאות דאס איר זאלט קומען צוא מיר לשלום זעלבסט מיין אפיצער וויל עס גערין האבין. נאך מער זיינע פרויא דען איך האב דיך מיינע ליבע פאר לויבט פאר זייא דאס דו ביזט אגרויסע ווירטין. נון קענסט דוא זייא זיין דארטין פון גרוים נוצין ווייל אונזער קוואטיר איז גאנץ אפ געלעגען (ווייט) פון שטאט אלזו קען מען דיך דארטין געברויכין אום צו מאכין מאנכע איין קויפע דארט וואס קען ניט געשעהען דורך איינעם סאלדאט אדער דורך איינע גימיינע דארף שיקסיל. מער נאך קען מען דיך דארטין גיברויכין צום נייען. אונ דיזעם וועט אלעם גוט בעצאלט ווערין. אונ היינט איז דא בייא אונז איין גרויסער זאל. דוא וועסט דא זאג איך דיר מיינע ליבע אן אלע דיינע צרות פאר געסין. דען וויא אונטער

אונז



אונז גיזאגט דיא רוסין זיינען גראדע מענטשין אונ גאנץ פרידליכע לייט. עס איז דארטין קיין קנאה קיין שנאה קיין בערייעדעריא. אונ בענאהע אויך קיין שטאלץ. אונ קיין דאנאס. אונ ווען דוא וועסט וועלין קענסטו דיר מאכין איין פרנסה. דען איינע סאלדאטין פרויא איז אלעם ערלויבט.

דאהער מיינע פרוי שרייב מיר באלד אפ פון אייער גיזונדהייט אונ בערייטע דיך צוא צוא דיזער ווייטע רייזע. דוא זאלסט נעמען מיט זיך נור וויים צייג. בעט גיוואנד. אביסעלע ספרים. אונ ווייטער מאך אלס צוא געלט. דען מען קריגט היר פאר דעם ליבין גראסין פיל בעסערס אונ וועלוועלערס אונ לעבט אייך דער וויל גוט וויא עס ווינצט אייך גאטע (מאן) אונ פאטער הירש פלעקסער.

דיזער בריף האט גאנץ אונ גאר פערשייכט (פר יאגט) דעם טרויער וואלקין פון מיינער טוטערס ציכטיגין שטערין. זיא איז גיווארין אינגער אין דיזער נאכט מיט צעהען יאר צוריק. אונ האט ווידער אויף גיבליהעט וויא איינע פאר שמאכטע ראזע (רויז) דורך דעם פרישין מארגין טויא. זיא האט מיך פון גרוים פרייד צעהען מאל ארום גינומען אונ גיקוסט אונ אזוא איך איר צוריק. אונ עס וואר פריידע איבער פריידע אין אונזער קליינעם הייזכען. אונ עס איז ווירקליך גיווארין אויף אונז דר שפריכווארט "איך נאם זאגליאנולא סאלגנצע" ליידר האבין מיר ניט גיהאט אין גאנץ שטאט ניט איינעם אפריינד וואס מיר זאלין אים קענען מיט טיילין דיא פריידע. דען דיא גאנצע שטאט זיינען דארטין בלוט פיינד גיוועזן איינער דעם אנדערין. אונ פשיטא שוין אונז וואס מען האט אונז אזו פיל וועהע גיטאן. דען עס ליגט שוין אזו איין מאל אין דעם מענטשינס געמיט. צוא בלייבין איין אייביגער פיינד דעם וואס ער האט שוין איין מאל אום גליקליך גימאכט.

מיר האבין באלד אפ געשריבין אבריף צום פאטער צוריק דאס מיר לעבין ביידע. דאס מיר זיינען געזונד. אונ דאס מיר ערווארטין זיין צווייטין בריף מיט געלט אום צוא פארין צוא אים

דער

דער ווייל האט זיך אן גיהויבין מיינע מוטער צוא פאר פארטיגין
צוא דער גרויסע רייזע מיט וואס נור מעגליך . זיא האט אוים
גיקלייהט זיך אונ מיך פארוסקי מאנכע אום נייטיגע זאכין האט
זיא שוין פאר קויפט מיט דיא נייטיגערע זאכין האט זיא געווארט
אויף שפעטער . דאס הייסט אלס זיא וועט באקומען דעם צווייטין
בריף וועט זיא עס דאן פאר קויפין . אונ דיזער גליקליכער בריף
איז גיקומען אין אפאר חדשים ארום מיט ארוביל הונדערט געלט .

4.

דער וואלד אויף דיא רייזע

באלד וויא מיינע מוטער האט באקומען דעם בריף מיט
דאס געלט . האט זיא פאר קויפט די גאנצע ווירטשאפט . אונ האט
גיקויפט אגרויסין שעפעט . אקעסטיל . האט אן גימאכט פארפיל
זעמעלאך אויף דער רייזע . אונ אלס מיר ווארין שוין גאנץ רייזע
פערטיג . האט זיא אן גיהויבין צוא זוכין אפור . דען דא וואר נאך
קיינע אייזין באן זעלבסט פון מאסקווע קיין פעטערסבורג . וואר
נאך גיט גאנץ פערטיג אונ גאט האט איר צוא געשיקט אפור נאך
איר וואונץ נאך . דאס עס האט זיך איר גיטראפין איונג ווייביל פון
גוטין שטאנד וואס דארף פארין קיין וויאטקע וואס איז ניט ווייט
פון קאזאן אונ וואס איר מאן איז דארטין פאר שיקט גיווארין פאר
איין האלב יאר צוא ריק . זיא וואר אליין אוים סקלאוו זיא האט
גיהאט מיט זיך איין אינגיל פון איאר זעקס אונ אברודער פון איאר
צוואנציג וואס האט איר גידארפט בעגלייטין ביז אהין אונ דער נאך
זיך אום קערין דיא ווייביל האט מען גירופין שיינע . דעם ברודער
ארציק דעם אינגיל יאסציק . זיא האט גיהאט אפור אויף אייגענע
הענט אבריצקע מיט אפאר פערד . זיא האט איר אויף גינומען
מיט פריידען פאר אמיט רייזענדע פאר העלפט הוצאות וואס עס
וועלין קאסטין דיא פערד אויף דיא רייזע אונ שנאפס . מיר זיינען
אפ



אפ גיפארין פון צאוואויסע חמשה עשר באב . מיר האבין אונז מיט
קיינעם גיזעגינט . ווייל מיר האבין דארטין ניט איינעם גיהאט וואס
זאל זיין ווערט אונזער זעגין . אין געגין טייל אין אלגעמיין האט
דיזע גאנצע שטאט פאר דינט בייא אונז נאר אונזער פלוך . אונ
דיזעם האבין מיר איר גיגעבין מיט פאלען הענדען . אונ עס איז
ליידער גאנץ מקוים גיווארין . דען זיא איז אום גיזאמט גיפלאנט
גיווארין מיט איינער שווערין האלעריע מיט איינער גרויסין שרפה .
מיט אגרויסע מחלוקת וואס האט איר גיקאסט גוט אונ בלוט . צוא
וואר עס ווייל מיר האבין איר גיפלוכט . אדער פאר איינע אנדערע
זינדע וויים איך ניט . נור גינוג מיר האבין גינומען נקמה .

מיר האבין גירייזט איבער מאזייסק . איבער מאסקווא .
איבער ניזנע . אונ מיר האבין קיינע הינדערניסע (שטערענעס)
גיהאט איבער דיזע לאנגע שטרעקע . ניט פון דיא אבערקייט . אונ
ניט פון קיין איין וואוינער . גראדע נאך אום גיקערט . מיר האבין
גיהאט אין יעדין ארט וואו מיר האבין אונז נור אפ גישטעלט צוא
נעכטיגין . אדער צוא פיטערין אונז דיא בעסטע באהאנדלונג פון
דיא דארטיגע איין וואוינער דען וויא גיזאגט זיינען דיא רוסין דורך
ביינגינג פריינדליכע לייט אונ האלטין דיא מענטשין פון אונזערע
גובערנס פאר פיל איידעלער אונ געבילדעטער אלס זייערע מענשין
פון זייערע גובערנעס . אונ אזוא האבין מיר גימאכט אונזער רייזע
גאנץ גליקליך ביז מיר זיינען גיקומען לעבין איין בויער הייזכען
פון אלעסניק וואס וואר געבויט הארט בייא דעם וועג וואס האט
זיך גיצויגין פאר בייא איין גרויסין געוואלדיגין וואלד וואס ציהעט
זיך אוועק פון ניזנער גובערנע ביז טיף אין קאזאנסקע גובערנע
אונ וואס פאר צווייגט זיך פון דארטין מיט נאך אנדערע וועלדער .

צווואר דיזעם בויער הייזכען וואר קיין גאסט הויז נור איינער
וואוינונג פר איינעם אלטין לעסניק וואס האט זיך דארטין גיעלטערט
אונ גילעבט אין איר איצונד מיט זיינער פרויא אונ איינע פאר
וויטוועטע טאכטער אשיינע פרויא פון איאר דרייסיג . בייא אלעם
דעם

דעם האבין מיר אונז אפ גישטעלט צוא פיטערין זיך דארטין אונ נאך הער האבין מיר אונז איין גיבעטין צוא גנאכטין דארטין. דען עס האט זיך אונז שוין ניט גיוואלט פארין ווייטער געגין אווענד דורך אזו אגעדיכטענעס. זייא האבין אונז אן גינומען פאר גוטע געסט אונ האבין אונז איין געפלאצירט (פאמיעסצעט) אין אגרויסין ליכטיגין קלייט. מיר האבין באקומען בייא זייא מילך: פוטער. האניק. געטריקענטע פיש. געבעק האבין מיר מיט געהאט. מיר האבין אונז דארטין העכסט אמוזירט (אונטער האלטין אדער צוא געבראכט) ביז שפעט אין דער נאכט מיט דיזער קליינען אונ אום שולדיגין רוסישען פאמיליע וואס האבין דעם ערשטין מאל אין זייער לעבין געהאט אונטער זייער דאך איינע אידישע פאמיליע. אונ פיללייכט נאך אויך ניט גישפראכין אין זייער לעבין מיט איינעם אידין. אונ מיר האבין זייא פון אונזערע רעליגיאן קיינע גיהיימנים געמאכט. ניט אום צוא פראהלען זיך דער מיט. ניין דיא אידעשע רעליגיאן איז דארטין ניט אין גונסטען. דארטין איז ניט צו ריהמען זיך מיט דעם נאמען יודע. אונ בייא אלעם דעם האבין מיר אונז ארוים גיוויזין פאר זייא דאס מיר זיינען יוא יודין ווייל מיר ווארען געצוואונגען דער צוא. דען באלד וויא נור מיר זיינען אריין צוא זייא אין שטוב אונ מיר האבין אונז ניט איבער גיקרייצט פאר דיא הייליגע בילדער וואס ווארין מיט זייא בעהאנגען דיא ווענט האבין זייא אונז אן גינומען פאר אזעלכע מענטשין וואס לייקענען גאר אן גאט. אונ האבין זיך גיוואונדערט וויא לאזט די רעגירונג אזעלכע פאנאנינעס לעבען אין איר לאנד. אונ האבין אונז אזוא העכסט פיינדליך אן געקוקט ביז דער יונגער מאן וואס איז מיט אונז גיפארין האט זייא דער קלערט דאס מיר זיינען יודען וואס גלויבין אין דעם זעלביגין גאט וואס רוסין גלויבין. אונ ברויכין קיינע הייליגע בילדער נור אוים דעם גרונדע דאס זייא האלטין זיך נאך אן דיא אלטע מאזאאישע געזעצע וואס פאר באטעט צוא האבין הייליגע בילדער. —





דיזע געלינדע איין ווענדונג האט זייא שוין פיל פריינדליכער געמאכט געגין אונז. דען דאס יודין אם ווייניגסטין גלויבין אין גאט דאס וואר זייא שוין בעקאנט פון זייער איינענע רוסישע רעליגיאן וואס איז געגרינדעט אויף דיא אידעשע. נון האט יעדער פון זייא געמאכט אן אונז הונדערט פראגין איבער אונזער רעליגיאן צוואר העכסט דומע אונ אום וויסענדע בייא אלעם דעם גאנץ נאאיווע (אומשולדיגע) אונ דר יונגער מאן וואס וואר איין גרויסער תלמודיסט האט זייא גיגעבין גאנץ בעפרידיגטע אנטווארטין אונ אזוא האבין זייא אונז בעפראגט טויזענדע פראגין איבער אונזער הייזליכין לעבען. אונ מיר האבין אלזויא אוועק גיפלוידערט מיט זייא ביז נאך איינס בייא נאכט.

קוים זיינען מיר איין גישלאפין גיווארין. האט אן גיהייבין דיא שיינע דיא צווייטע פרויא וואס מיר זיינען מיט איר געפארין האט אן גיהייבין שרעקליך צוא קרעכצין דען עס איז איר גיווארין שלעכט. מיר זיינען אלע אויף גישטאנען. מען האט גימאכט דעם סאמאוואר. דען מיר האבין גיהאט מיט אונז צווייא. עס איז איר אבער ניט בעסער גיווארין. אוים גילאזען האט זיך דאס דיזע פרויא וואר שוואנגער. זי וואר ערסט אין זיבענטין מאנאט. עס האט איר זייער שטארק גינומען צוא קינד. מיר האבין אויף גיוועקט דעם לעסניקס פרויא וואס האט פון דיא באבקעריא פיל מער גיוואוסט אלס מיינע מוטער. אונ ביז צעהען דעם זייגער איז זיא נידער גיקומען מיט אזון. אלזוי וואר שוין פון ווייטער רייזין קיין רייד מער. אונ מיר זיינען דארטין פאר בליבין אויף אטאג צעהען. דאס ביז זיא וועט זיין אין שטאנד ווייטער צוא רייזין. די ביידע רוסישע פרויען האבין זיך גיצייגט גאנץ פריינדליך בייא דיזער געשיכטע. אונ האבין גיטאן פאר דיא קינד בעטערין וויא ווייט מעגליך איז. מיר ביידע אינגלאך איך אונ דער יאסציק האבין דיזע לייידיגע צייט פאר בראכט אין קלייבין שוועמלאך פאזעמקעס בייא דעם זויב פון וואלד. דיא ערסטע צווייא טעג וואר אונז גינו ג

ווירקליך נור דער ווים (ברעג) אליין און נאך הער האבין מיר
אונז געוואגט אריין צוא טרעטין אין זיין אינערעס (אינעווייניגקייט)
און וואס אטאג מעהר אלץ ווייטער דען מיר האבין גיפונען דארטין
מייליגעס. נים. און פלעגין צוא ברייגגען צוא אונזערע מוטערס
גרויסע שעצע פון נים, מייליגעס, קאנסטצאנקעס. און ווארע
אונז גוטער דינגע (פרייליך) אויף דעם זעקסטען טאג האבין מיר אונז
שוין אזו ווייט פר קראכין דאס מיר האבין ניט גיוואוסט וויא ארויס
צוא קריכין פון אים (פון דעם וואלד). און עס האט ניט לאנג
גידויערט ביז מיר האבין איינער דעם אנדערין אויף פאר לארין.
דען יעדין פון אונז האט זיך גידוכט צוא געפינען דעם אויס גאנג
פון איינעם אנדערין ארט. מיר האבין אן גיהויבין צוא שרייען
איינער צוא דעם אנדערין פון אלע קרעפטין מיר האבין אבער ניט
גיהערט. דען עס איז גיווארין איין גרויסער שטורעם וואס האט
גיקאצייעט דיא בוימער דאס עס איז גיווארין איין גערייש וויא פון
איינעם ווילדין מעער. איך האב אן גיהויבין צוא לויפין וויא נור
מעגליך וואר. און וואס ווייטער איך בין געלאפין האב איך מיר
אלץ מער טיפער פאר קראכין אין ווילדניס. דער ווייליע האט אן
גיהויבין צוא דונקעלין און דער נאך איז גיווארין גאנץ פינסטער.
און דאן בין איך שוין געבליבין ליגין אין וואלד אונטער אנגעדיכטין
בוים פון גרויס שרעק און שוואכקייט. און האב גיוויינט און
גישריען צו דעם טויבין הימיל ביז איך בין איין גישלאפין גיווארין
אויס גרויס מידעקייט. און האב מיך אויף גיכאפט אשטיק אויף
דעם טאג און דאן האט אן גיהויבין מיך צו קוועלען (צו מאטערין)
דער הונגער. איך האב מיר אן גישטאפט מיט נים. מיט מייליגעס.
שמאראדזינעס ווילדע עפיל. און בין ווייטער גיגאנגען. איך האב
גישריען »מוטער! מוטער!« מוטער היינט מוטער מארגין. אין
קול ואין עונה. מער פאר אלץ האט מיר פאר מאטערט דיא
גרויסע פאנטאזיע מיינע. דען אווייליע האט זיך מיך גידאכט דאס
דארטין גייט ארויבער. און אווייליע האט זיך מיר געדאכט דאס

עס



עס קוקט ארויס אויף מיר איין בער. א וואלף. יעדעס קלאפענדעס
בלאט יעדעס רוישענדער פויגיל וואר פאר מיינע אויערין איין
נייער שרעקין. דער צו נאך האט זיך זייער שטארק פר חמארעט
און עס האט אן גיהויבין זייער שטארק צוא רעגענען. צוא בליצין
צוא דונערין. איך בין דורך גינעצט גיווארין. אין אזעלכע שרעקין
אין קעלט. אין נאסקייט. און אין דער גרעסטער נויט און אין
איינעם און אויף הערליכין גיין און קלעטערין פון בערג ארויף בערג
אראפ איבער וואסערין און זומפין. שטיינער און קארצעס האב
איך צוא גיבראכט גאנצע פינף טעג ביז אויף דעם זעקסטין טאג
האב איך דער הערט איין שטארקעס געביל פון הינט. און אן
שטאט דעם וואס איך האב מיך גידארפט דורך דעם דער פרייען.
דען פאר געווים וואו הינט זיינען דא זיינען געווים מענטשין אויך
דא. האב איך מיך גראדע דער שראקין און האב מיך פר קראכין
אונטער אנגעדיכטין שטרויך (המיזניק) דיא הינדע אבער האבין מיך
באלד דר שפירט זיינען אן גילאפין צום קוסט און האבין אן גיהויבין
זייער שטארק צוא בילין און דאן האבין אן געריטין צוויי מענשין
וואס האבין גישפראכין רוסיש מיט איינאנדער. קוים האב איך דר
הערט איינע מענשליכע שטימע בין איך ארויס פון אונטער דעם
שטרויך (קוסט). זייא האבין מיך גיפרעגט ווער איך בין איך האב
זייא אבער ניט גיקענט ענטפערין דען איך וואר גאנץ צו טומילט.

איינער פון זייא וואר שוין אמאן פון איאר פופציג. דער
צווייטער קוים פון איאר דרייסיג ביידע זייער רייך גיקליידעט.
דער צווייטער איז באלד ארונטער צוא מיר און האט מיך ארויף
גינומען צוא זיך אויף זיין פערד און זיינען אוועק גיריטין מיט מיר
איינע גרויסע שטרעקע מער אלס איין מייל. אויף די ביידע זייטין
פון זייערע זאטלען זיינען גיהאנגען דער שאסענע פייגעליך אפאר
האזין און דאס גלייכין אפאר פוקסין. אגאנץ וועג האבין זייא קיין
ווארט מיט מיר גישפראכין. דען זייא האבין גיזעהען דאס איך בין
אן קרעפטין און בענאהע (כמעט) אן איין בעוואוסטען זין. אין פר

לויה

לויף פון איינע שטונדע זיינען מיר ארויס שוין פון וואלד. אונ דארטין האב איך שוין דער וויסט שטייענדיק איין טייערין פאיאזד מיט נאך אפאר גרויסע וועגין. אצעהען פערד אונ איינינע קנעכט וואס וואַרין העכסט בעשעפטיגט ארום אפלייט פייער וואס וואר ארום גישטעלט מיט ראנדלען אונ קופערנע טעפ. דאס זיי האבין גיקאכט מיטאג. וויא עס האט אויס גיוויזין וואַרין עס נור צווייא רייזענדע הערין פון אווייטין ארט וואס האבין זיך דא אפ גישטעלט דא צוא פיטערין זיך אונ צוא יאכטין דער ווייליע. קוים זיינען מיר צוא דיזין ביוואס (ווערעמענעם לאגער) אן גיקומען. האט דער עלטערער הער א ... אונק גיטאן צוא איין קנעכט דאס ער זאל מיך אראפ נעמען ... פערד אונ צוא פירין צוא דעם פייער דאמיט איך זאל מיר ארום טריקענען אונ דער ווארעמען. אונ באלד דארויף האט מען מיר דער לאנגט איין גלאז וויין. אונ איין שטיק פוטער ברויט אונ נאך הער איינע ווארעמע קרעפטיגע זופע. איך בין גיווארין נייא באלעבט. פריש אונ מונטער וויא נייא געשאפען. אונ אלם איך האב די שפראכע ווידער גיפונען בין איך צו גיגאנגען צוא דיא ביידע הערין אונ האב זייא הערצליך גידאנקט אין דער רוסיסע שפראכע. דען מיינע מוטער האט מיך פון מיינער צארטעסטע יוגענד אן אנגעהאלטען (איין געוואוינט) דער צוא. צו דאנקען יעדין וואס טוט מיר גוטעס פארוסקע.

באלד דערויף וואר אוים געשפרייט לעבען וואלד אויף דעם גרינעם גראז איין גרויסער טעפיך (דיוואן) אונ עס וואר דארויף אוים געשטעלט גיווארין איין פרעכטיגער מיטאג (ווארעמעם) פון איינינע געריכטען פאר דיזע ביידע הערין דיא בעדינטע (קנעכט) האבין בעזונדער געמיטאגט. מען האט מיך אויך גילאדין (געבעטין) צום עסין. איך האב מיך אבער דיזעם מאל ענטזאגט דער פון ערשטינס ווייל איך וואר שוין ניט מער הונגעריג. צווייטינס ווייל איך האב ניט גיוואלט עסין שפייזין וואס זיינען אונז פאר באטין דען איך האב גימיינט דאס דיזע הערין וועלין מיך באלד אפ

שיקען



שיקען צוא דער מוטער צוא ריק׳ אלזויא האב איך ניט געוואלט מיך בעפלעקען פון איין מאל וועגין מיט טרפות. אבער ווייט געפעלט (אמעות) דיזע הערען האבען עס ניט געטאן באלד נאך ווארעמעס ווארין איין געשפאנט דיא פערד אונ איך וואר אריין געזעצט מיט ביידע הערען צוא גלייך אין דעם קאץ (קארעטע). זייא ביידע האבין זיך געזעצט הינטין צוא אונ מיך האט מען געזעצט פון פארינט מיט דעם געזיכט געגען זייא. מיינע ביידע איינגלאך ווארין רויט געוויינט. אונ האב זייא נאך דער צוא געריבען מיט מיינע ביידע קליינע פויסטען. אונ ערסט דאן האט זיך דר איינגערער הער אריין געלאזען זיך מיט מיר אין איין ווייטען געשפרעך אויף טייץ, אונ דער עלטערער הער האט מיך דער ווייליע אריין געקוקט זייער ערענסט (סיריאזנע) אין מיין אונשולדיגען געזיכט. „ווער ביזט דוא קליינער?" וואר דיא ערסטע פראגע זיינע „אונ וויא קומסטו אהער? אונ ווארום ווייגסט דוא? מיר וועלען דיר דאך קיין שלעכטעס טאן".

דיזעם שפרעכען צו מיר אויף טייץ וואס איזט נעהענטער צו אונזער אידעשע פאלקס שפראכע׳ האט שוין איינגעפלאסען (אריינגעגעבען) אין מיר איין גרויסעם צו טרויען צו אים דאס איך האב אים דער צײלט זייער סקלאדנע אלעס וואס ער האט געוואלט וויסען פון מיר, איך האב אים געזאגט גאנץ קורץ אונ בינדיג (מיט אגוטען המשך) דאס איך בין איין יודען קינד. איין זון פון איין אידעשען סאלדאט. דאס מיינע מוטער איזט מיט מיר געפארען צו אים אין קאזאן, אונ אם ענדע דאס איך האב מיך דא פעראירט אין וואלד. נון ווייגע איך דען איך וויל צו דער מוטער׳ ער האט מיך גיפרעגט וויא איך הייס. מיין פאטער. מיינע מוטער. אונ איך האב אים גיענטפערט דאס איך הייס וואלף. מיין פאטער הירש. מיינע מוטער טויבע, ביי דער בענענונגען מיינע דיזע נעמען האט זיך דיזער יונגער הער ניט געקענט אפ ווערען פון

לאכען

לאכען אונ האט צו מיר געזאגט , אלזוי זיינען דיינע עלטערין אונ דוא נור בלויזע טהירען (חיות) דוא ביזט איין וואלף , דיין פאטער איין הירש , אונ דיינע מוטער איינע טויב , אלזוי קיין וואונדער דאס דוא ביזט אין וואלד אוועק . דען דער אלטער שפריכוואָרט זאגט וואלק וויל עס סמאטריט אונ האט דיזען גלייך ווערטיל באלד איבער גיזאגט דעם עלטערין הערען וואס האט פאר געווים קיין טייץ פערשטאנען איבער געזאגט אויף רוסים אונ ער האט אויך זויא שטארק געלאכט · אונ נאך הער האבען זייא אנג[...]יבען צוא שפרעכען צווישען זיך אויף איינע אנדערע שפראכע וואס איך האב אים דאן ניט פערשטאנען · אונ ערסט אין איינינע יארען ארום האט מיר דער יונגער הער דער ציילט דאס זייא האבען זיך דאן געשפראכען וועגען מיר אין פראנצויז . דאס הייסט וואס מען זאל מיט מיר טאן . אונ אום דיר מיינע לעזערין עס מיט צוא טיילען איצונד וואס עס דיר שוין נייטיג צוא וויסען אונ דוא זאלסט בעסער פערשטיין מיינע ערציילונג . מוז איך דיך פריהער בעקאנט מאכען מיט דיזע ביידע הערען . דאס הייסט איך מוז דיר ערקלערען ווער זיינען דיזע ביידע גיוועזען .

5.

„דיא ביידע הערען“

דער עלטערער הערר וואר איין רוסישער גראף פון ניזנע איין גרויסער גוטס בעזיצער . אונ וואס האט גיהאט גרויסע פאבריקעם אין זיינע גיטער . איך דארף (מוז) אבער דא זיין גאמען פערשווייגען אויס פילע גרינדע (אורזאכען) דער צווייטער וואר זיין דאקטאר איין טייצער . וואר העכסט געליבט פון זיינעם הערען . ער אליין דאס הייסט דער גראף וואר איין שטאטליכער מאן אשיינע (אסאבא פון איידעלען כאראקטער אונ העכסט

טאלעראנט



טאלעראנט*) אונ האט אלזוי גיט געוואוסט אונטער צוא שיידען איינעם מענטשען פון דעם אנדערען צוא ליב זיינעם גלויבען . עס וואָרען בייא אים אלע גלייך יודע אדער קריסט . דען ער פלעגט זייער אפט צוא שטיין אין פערקער (געשעפט) מיט יודען וואס פלעגען צו האנדלען בייא אים אייזענוואָרג פון זיינע פאבריקען ער פלעגט זייא אויף צו נעמען זייער שיין · אונ פלעגט פון זייא גוטעם צוא שפרעכען . זיין גאנצער פעלער וואר דאס ער איזט גיוועזען צוא פיל לעבע מאן . דאס הייסט וויא מען רופט עס בייא אונז איין גוטער בן עולם הזה . אונ האט אריין גילעבט אין גאטעס וועלט גאר אן ארעכענונג . דאס איזט ער געפארען אויף ווייטע יאכטען . דאס האט ער געבאלעוועט . דאס איזט ער געפארען קיין מאסקעווע אונ האט דארט אלעם געטאן מיט גוטע ברידער דאס דער קאפ האט זיך ניט געזעהען . אונ ער וואלט שוין אנגעקומען צוא קאלטע וואסער ווען ניט זיינע פרויא דיא גרעפין וואס ער האט פאר איר געהאט דעם גרעסטען רעספעקט (דרך ארץ) אונ וואס זיא האט געוואוסט וויא צוא האלטען אים אין צוים . אונ וויא געזאגט וואר נור זיא דיא שפארען טרעגערין (אופראוולאעסצע) אין דעם גאנצען דאמאסנעם בית זיא וואר איינע גרויסע שיינהייט . שטארק געבילדעט . פון פיינעם כאראקטער . העכסט קלוג צוואר זייער שטריינג (שטראנגע) דאך העכסט בראווע אונ וואר אלזוי איינע מעכטיגע דאמע .

דער צווייטער איין געבארענער פרייסע . וואר אנגעשטעלט בייא דעם גראף אלס לייב ארצט (לייב דאקטער) האט געוואונט ,

בייא

*) טאלעראנט הייסט צוא זיין טערפליווע געגען איינעם אנדער גלויביגען צום בייא שפיל איודע געגען אקריסטען . אונ אקריסט געגען איודען . אינטאלעראנט איזט שוין דער היפך דער פון דאס מען צערפעט ניט איינעם וואס איזט פון איינעם אנדערען גלויבען .

בייא אים אין הויף מיט זיינער פרויא איינע הויכטייטשעשע דאמע
ביידע זיינען גוטע מענטשען. האבען קיינע קינדער געהאט און
האבען געפיהרט איין שטילעס לעבען ער פלעגט זייער אפט בערופען
ווערען פון אנדערע פאמיעסציקעס אויף קוראציע און האט
געזאמעלט דעם גראסען׳ און ויא דיא פרויא זיינע פלעגט צוא
פערטרייבען איהרע צייטען איבער ביכער און בייא דעם פארטעפיאן
גאנץ זעלטען פלעגט זיא פארען צוא געסט׳ און פלעגט עם באלד
בעריען (חרטה האבען) דען זיא וואר ניט געוואוינט צוא דעם
רוסישען לעבענסארט אויף דיא בעלע (באלען) וואס ברעכט
אויס איין לארעמענדע פריידען.

נאן צוא ריק צוא אונזער ערצייהלונג דיזע ביידע הערען
האבען זיך דאן בעשפראכען זיך זיצ[illegible] אין דעם עקיפאז
איבער מיך לויט (בערך) זייער קאראקטער וואס איך ביז אהער
בעשריבען. דער דאקטער וואס וואר הע[illegible]ט געריהרט פון
מיינעם וויינען און יאמערען אלץ מאמא מאמא׳ האט זיך אים
געוואלט דאס מען זאל מיך אפשיקען צו מיינער מוטער צו ריק.
דאס הייסט צו דער חאטע פון דעם לעסניק וואו מיינע מוטער
האט זיך דארט אפגעשטעלט און איזט נאך דארט פאר
געוויס דא. דער גראף אבער וואר גראדע פון פערקערטער
מיינונג "ניין" האט ער צו אים געזאגט "ער זאל זיך אפשטעלען
בעסער ביי מיר אין הויף׳ איך וועל אים לאזען פיל ווייניג
אויס בילדע און וועל מאכען פון אים איין גוטען פראוולאסצע׳
דען ער שיינט מיר צוא זיין איין פיקסער (קלוגער) יונגע
מיט גוטע פעהיגקייט (ספאסאבנעסק) און וועט אלזוי פיל בעסער
האבען בייא מיר און צוא איינעם פיל בעסערען צוועק
(תכלית) קומען אלס מען וועט אים אפ שיקען איצונד צוא
דער מוטער אויף אקליינע צייט דען אין איין האלבעם
יאר ארום וועט מען דאך אים צוא נעהמען פון איר
דען ער איזט דאך איין סאלדאטסקי סין וועט מען אים

ענטפער



ענטפער אוועק געבין אונטער דיא קאנטאניסטען וואס ניט
ער און ניט דיא מוטער וועלען ניט וויסען ופון זיינעם
געביין. דען דיא דארטיגע נאציילסטווא בעגייען זיך דארט
מיט דיא אידעשער עקרוטלעך פיל שלימער אלס מיט קליינע
הינטלעך׳ איך האב דאריבער גענוג זיך אנגעלעזען אין
דיא פראנצויזישע צייטונגען. אדער מען וועט אים גאר
אוועק געבען צוא איינעם רוסישען בויער צוא פאסען דיא
חזירים׳ ביז ער וועט ווערען שאווערשנע ליטנע׳ נון וועט
אים דארט נאך פיל שלימער זיין׳ דען דיא בויערען זייען
זייער פאנאטיש אינטאלעראנט (ליידען קיין אנדער גלויבען)
און פייגען אלזו דיזע קליינע אונשולדיגע קינדער מיט
אלע ענוים דאס זייא זאלען זיך טויפען׳. בייא מיר וועט
דיזער פאל ניט זיין. ער מעג זיך בייא מיר אין הויף נאך
זיינעם בעליבען לעבין צוא אלם יודע צוא אלם קריסט און
וועט ארויס איין נוציגער מאן. און וויא געזאגט מיר פעלט
אזוא איינער אין מיינעם הויף. אלם קינד וועל איך אים
געברויכען בייא מיר אין שטוב׳ און אלם מאן וועט ער
האבען דיא בעסטע שטעלע בייא מיר׳ שיקט מען אים אבער
אפ צוא זיינער מוטער איזט עס איין פאלשעס געשעינק.
דיא וועט אים איצונד ווידער בעקומען און אים אויף אימער
צוא פערלירען׳ דען אם וויינגסטען איזט בייא דיא יודען
איין געטויפטעס קינד שוין מעהר קיין קינד. ער מעג
זעלבסט יענעראל ווערען".

דער דאקטאר האט אים צוואר געמאכט גרויסע
איינווענדונגען "איך האב" האט ער אים געזאגט "זעלבסט
געשפראכען מיט אידעשע סאלדאטען וואס זייען געווען
קאנטאניסטען וואס ווארען שוין גרויסע שרייבער און זייען
געווארען שטארשע פיסער און זייען זיך געבליבען דער
בייא אויך יודען. און וואס האבען גאר ניט געהאט וואס

צוא

צוא בֶּעקְלַאגֶען זִיךְ אוֹיף דִיא: צַייט וָואס זַייא זַייעֶן גֶעוֶועֶן קָאנְטַאנִיסְטֶען. אוּנ בַּייא אַייךְ קֶען אַזוֹ אַיינֶער גָאר בְּלַייבֶּען אַיין לַייבּ אַייגֶענֶער אוֹיף דוֹרֵי דוֹרוֹת וִויא אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעזֶעהֶן בַּייא אַנְדֶערֶע פָּאמֶיעֶסְצִיקֶעס וָואס הָאבִּין גֶעמַאכְט פוּן פְרַייא מֶענְשֶׁען וָואס הָאבִּין זִיךְ בֶּעזֶעצְט אוֹיף זַייעֶרֶע גִיטֶער אוֹיף צִינְס נוּר מִיט דֶער צַייט פָּארַאנֶעס. אוּנ גֶעזָאגְט דָאס אִיר וֶועט עֶס נִיט טָאן וֶועט עֶס טָאן אַקִינְד אַייעֶרֶע. דַאהֶער אִיזְט דָאס גְלַייכְסְטֶע דָאס מֶען זָאל אִים צוּרִיק שִׁיקֶען צוּא דֶער מוּטֶער».

דִיזֶע רֵייד אָבֶּער וַואר גֶעשְׁפְּרָאכֶען אִין וִוינְט. דֶען דֶער גְרַאף אִיזְט גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי דָאס זַיינִיגֶע. אוּנ הָאט נָאךְ גֶעהַאט גְרוֹיס פֶּערְדְרוּס אוֹיף דֶעם דָאקְטָאר וָואס עֶר הָאט עֶס אַזוֹא גֶעשְׁפְּרָאכֶען צוּא אִים. אוּנ אַזוֹ הָאט מֶען גֶעמַאכְט דִי רַייזֶע וַוייטֶער גַאנְצֶע דְרַייא טֶעג. אוּנ אִין דִיזֶע דְרַייא טֶעג הָאבִּין מִיר דִיא אוֹיגֶען נִיט גֶעטְרִיקֶענְט. דֶען אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט דוּרְךְ אוֹיס צוּא דֶער מוּטֶער. אוּנ צְוֵייטֶענְס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט דָאס מֶען וֶועט מִיךְ אוֹיף עֶסֶען אִין קַאסֶע. דֶען אַלְס קִינְד הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַיין בֶּעגְרִיף פוּן דֶער קְרִיסְטְלִיכֶע וֶועלְט אוּנ בִּפְרַט נָאךְ פוּן דִיא רוּסִין וִויא פוּן וִוילְדֶע טְהִירֶען. דָאס זַייא בָּאדֶען זִיךְ אִין דִיא בְּלוּט פוּן אִידֶעשֶׁע קִינְדֶער וִויא [illegible]ל דֶער פַּרְעֹה [illegible]נִיג פוּן מִצְרַיִם. דֶען מִיר אִידֶעשֶׁע קִינְדֶער הָאבֶּען [illegible]נְז אָן אַלֶע דוּמְהַייטֶען אִין אוּנְזֶערֶע חֲדָרִים. קוּרְץ גֶעזָאגְט אִי[illegible] דֶעם דְרִיטֶען טָאג זַייעֶן מִיר גֶעקוּמֶען אוֹיף אָרְט אוּנ שְׁטֶעל צוּא דֶעם גְרַאף אִין הוֹיף.

6.

## «דֶער הוֹיף»

מִיר זַיינֶען נִיקוּמֶען אַהִין פֶערְנַאכְט. דֶער גְרַאף דֶער דָאקְטֶער זַייעֶן אַרַיין אִין פַּאלַאץ אוּנ מִיךְ הָאט מֶען אַרַיין גֶעפִיהְרְט אִין



אִין דֶער קוּכְנֶע. דָאס מֶען זָאל מִיר גֶעבֶּען עֶסֶען דָארְט אוּנ צוּ גְלַייךְ נֶעכְטִיגֶען דָארְט. דִי קִיךְ וַואר אַגְרוֹיסֶע שְׁטוּבּ אַנִימוֹיעֶרְטֶע וָואס אִין מִיטֶען אִיזְט גֶעשְׁטַאנֶען אַיינֶע אַיינְגֶעלְשֶׁע קִיךְ אַגְרוֹיסֶע דִיזֶע קִיכְשְׁטוּבּ הָאט גֶעהַאט פִילֶע זַייטֶען צִימֶער. אַיינֶער אִיזְט גֶעוֶועֶן דִיא וואוֹינוּנְג פוּן דֶר קוּכֶער אוּנ פוּן דֶר קוּכַארְקֶע (דֶען זַייא זַייעֶן גֶעוֶועֶן מַאן אוּנ וַוייבּ). אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע צִימֶערֶען זַייעֶן גֶעוֶועֶן מַאגַאזִינֶען וָואס זַייעֶן גֶעוֶועֶן פִיל מִיט כְּלֵיסְנֶע פְּרִיפַּאסֶען. דֶער קוּכֶער אוּנ דִיא קוּכַארְקֶע זַייעֶן גֶעוֶועֶן גַאנְץ שַׁיינֶע מֶענְשֶׁען פוּן מִיטֶעלֶע יָארֶען אַייגִינֶע פָּארַאנֶעס:

בַּאלְד וִויא אִיךְ בִּין אַרַיין אִין קִיךְ הָאבֶּען זַייא מִיךְ גֶעפְרֶעגְט וֶוער בִּין אִיךְ. אִיךְ וַואר נָאךְ אָבֶּער קֶיינ גַאנְץ מֶעכְטִיג אִין דֶער רוּסִישֶׁע שְׁפְּרַאכֶע צוּא עֶנְטְפֶערֶען זַייא וִויא גֶעהֶערִיג. אוּנ דִיזֶעס גְרַאדֶע הָאט אָנְגֶעצוּינְגֶען זַייעֶר מִיטְלַייד אוֹיף מִיךְ. זַייא הָאבִּין מִיךְ אַרַיין גֶעפִיהְרְט אִין זַייעֶר צִימֶער אוּנ הָאבִּין מִיר גֶעגֶעבֶּען עֶסֶען. אוּנ דֶער נָאךְ הָאבֶּען זַייא מִיר אוֹיס גֶעבֶּעט אוֹיף אַבְּרַייטֶע בַּאנְק וָואס אִיזְט גֶעשְׁטַאנֶען אִין עֶק שְׁטוּבּ לֶעבֶּען וַואנְט אוּנ. אִיךְ בִּין אַיינְגֶעשְׁלָאפֶען הַארְט וִויא אַשְׁטֵיין דָאס אִיךְ הָאבּ גָאר נִיט גֶעשְׁפִּירְט וִויא דִיא נַאכְט אִיזְט פָאר אִיבֶּער. דֶען פִילֶע נֶעכְט הָאבּ אִיךְ מִיט קֵיין אוֹיג צוּא גֶעטָאן פוּן שְׁרֶעק אוּנ זָארְג אוּנ אוֹיךְ וַוייכִיג גֶעגֶעסֶען אוּנ דֶער צוּא קֵיין גוּטֶען אָפּ רוּהוּנְג גֶעהַאט. אוּנ בִּין אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען גַאנְץ נַייא בֶּעלֶעבְּט אוּנ גֶעקְרֶעפְטִיגְט.

אִיךְ הָאבּ מִיךְ אָנְגֶעטָאן. גֶעוַואשֶׁען גֶעדַאוּוֶענְט (דֶען אִיךְ הָאבּ עֶס אוֹיס וֵוייכִיג גֶעקֶענְט) צִיצִית גֶעקוּסְט. דִיזֶעס אַלֶעס הָאבֶּען זַייא בֶּעטְרַאכְטֶעט (בֶּעמֶערְקְט) אוּנ הָאבִּין שׁוֹין פַאדַאזְרֶעוַואעט אִין מִיךְ אַיין יוּדֶען קִינְד. אוּנ הָאבִּין מִיךְ בַּאלְד דַארוֹיף גֶעפְרֶעגְט צוּא בִּין אִיךְ אַיין יוּדֶע אוּנ אִיךְ אִין אַיינֶער אוּנ שׁוּלְד (נַאאִיפֶּעטֶעט) הָאבּ זַייא קֵיין גֶעהֵיימְנִיס

געמאכט דער פון און האב זייא ארויס געזאגט די ריינע
ווארהייט דאס איך בין ווירקליך יודע . דיזע אונשולדיגע
לייטע האבען זיך אנגעקוקט איינער דעם אנדערען גאנץ
וואונדערליך . דען זייא האבען זיך ניט געקענט ערקלערען
צוא וואס האט מיך דער גראף געבראכט אהער . און ווארום
האבען עם מיינע עלטערען מיך אוועק געלאזען פון זייא .
בייא אלעם דעם זייען זייא זיך בעגאנגען מיט מיר גאנץ
הייפליך . האבען מיך געגעבען עסען . האבין מיך געפרעגט
וויא איך הייס און האבען מיך שוין אנגעהייבען צוא רופען
בייא מיינעם נאמען וואולף . וואס באלד נאכהער האט
מען אים (דעם נאמען) . פערוואנדעלט אין וואלקאוו דאמיט
ער (דער נאמען) זאל ניט צוא אידעש קלינגען . און בייא
אלעם דעם האט די קובארקע ניט געקענט רוהען און ראסען
ביז זיא האט געשטילט איהרע נייעגירדע צוא וויסען
געוויסעם וועגען מיר . ארום האלבען טאג איזט זיא
אריין צוא דעם דאקטערם פרויא און זיא האט איר דער
ציילט איבער מיך נאך פיל מעהר אלס איר מאן האט
איר דערציילט . און האט איר צוא גלייך פער זאגט
דאס זייא זאלען מיך ניט קריינקען און ניט אבידען
מיט דעם נאמען זיד . דען דער גראף איזט העכסט
טאלעראנט (צערפליווע) געגען יעדען וואס איזט פון איינער
אנדערען רעליגיאן .

אין פערלויף איינער אכטאג וואר איך שוין בעוואוסט
פון אלע דווראנסקי דען דאס זעלבע וואס אבערז איזט
אפארטא[illegible]ע שטאדט דאס איזט די קובנע אין דעם הויף
פון [illegible]ישען מאגנאטען . עס פערקעהרען אהין פון דעם
לעצטען [illegible]עניוונגע (פאסטוך) ביז דעם פראוולאסצע
זעלבסט . יעו[illegible] בעזונדער דרייט זיך אהין אריין אלץ מיט
איין אנדער אוים רייד און גייט ארוים פון דארט מיט
איין



איין פיל פייכטערען גומען און נאסערען מוגד אלס ער איזט
אריין . דען יעדער פון זייא ווערט בעווירטעט פון דער
קעניגען און פון דעם קובער מיט איין עטוואס וואס עם
בלייבט פון דעם הערשאפטליכען טיש . וואס ווערט געדעקט
און בעלאדען מיט שפייזען בייא יעדער מאל צייט צווייא
פאך אדער דריי פאך אלס בייא אנדערע הערשאפטען פון אנדערע
נאציאנען . דען די רוסען זייען פון נאטור העכסט גאסט
פריינדליך (חלעבעשאלניע) .

איך וואר בעוואוסט פון אלעם . נור פאר די גרעפין
זעלבסט בין איך געבליבען נאך איין געהיימניס ערסט אין
אחודש ארום . אלס איך האב מיך אפ געגעסען און בין
רעכט צוא זיך געקומען דאס איך האב אוים געזעהען שוין
וויא איין קליינער קנאזאק און האב שוין גערעט רוסים ניט
שלעכט . און וואר דער צוא אום געקליידעט גאנץ פארוסקי
האט ער מיך פאר געשטעלט פאר דער גרעפין . אלס הויז
פאזע (איידעל קנאבע צום בעדינען) פאר געוויס האט ער
איר שוין פריהער דער ציילט וואס דאס מעהר איזט מיט
מיר . זיא האט מיך בעטראכטעט מיט איינעם געפעליגען
לעכעלען (לאכען) „דוא ביזט" האט זיא צוא מיר געזאגט
איין גאנץ שערמאנטער (שיינער) יונגע . זייא נור בראוו און
געהארזאם (פאלגען) דאן ווערט דיר גאנץ גוט זיין בייא אונז
דען מיר געהערען צוא דען בעסטען מענשען .

זיא האט מיך ענטלאסען פון זיך מיט אשטיק פיראגע .
און האט געהייסען אריין שיקען צוא איר די קובארקע .
וויא עם האט מיר דאן אוים געוויזען וואר זיא גערופען נור
מכח מיר . דען באלד וויא זיא האט זיך אום גיקערט צוריק
אהיים האט זיא מיר געבראכט איינע גאנצע אינסטרוקציע
(רעגעלען) פון דער גרעפין פאר מיך . ערסטענס דאס פון
מארגען אן זאל איך מיך אימער איינגעפינען אין דעם
פארציטער

פארצימער פון פאלאץ . אונ זאל זיין געווערטיג (גאטאוו) אריין צוא לויפען אין צווייטען צימער וויא איך וועל נאר דער הערען אקלונג מיט דעם טיש גלעקעל . מיין פונקציאן (דאלזנאסץ) זאל זיין צוא רעכט מאכען דעם הערען אונ אזוא אנדערע געסטע דיא פפייפען (טרובקעס) אונ פייער אנצוצינדען אויף זייא . צווייטענס אויף צו ווארטען ביי דעם טיש . צוא דער לאנגען יעדען וואס נייטיג איזט . דריטענס צוא בעדינען דיא קינדער ביי זייער שפילען אונ שפאצירען גיין אונ דאס גלייבען . עסען אונ נאכטען זאל איך אין קוכארקע .

זיא (דיא קובארקע) האט מיר אין דעם זעלביגען טאג אוים געלערענט וויא איך זאל בעטיטעלען דעם גראף . דיא גרעפין דעם דאקטאר . אונ נאך אנדערע וויכטיגע פערזאנען . איך האב עס זייער לייכט איבער גענומען . אונ מארגען אין דער פריא וואר איך שוין אין כאר צימער . אונ האב שוין אלזו גיהאט איינע גוטע געלעגענהייט צוא וויסען אדער קענען צוא לערנען דיא גאנצע פערזאנאל (מענטשען) פון דיזעם גרעפליכען הויזע . דער גראף האט געהאט צוויא זין פון מיינעם עלטער איינער איאר זעקס דער אנדערער איאר זיבען . אונ צווייא מיידכען פון צעהען עלף יאר צוא דיא צווייא קנאבען (איינגלאך) וואר געהאלטען איין גובערנער (לעהרער) איין פראנצויז וואס וואר הינקענד אויף איין פוס וואס האט געהייסען פערעץ . אונ פאר דיא צוויי מיידכען וואר געהאלטען איינע גובערנאנטין איינע פאלנישע דאמע . ווייטער איזט געווען איינע דייטשע מיידכען וואס וואר אלס צאפע (קאמער יונגפער) וואס פערשטייט וויא אוים צוא פוצען אונ צוא טאן איינע פארנעהמע דאמע .

אלזוי ווארען אין אלגעמיי[...] (ובכלל) זייערע ניין פערזאן בעשטענדיגע הויז לייטע . וואס איך [...]אר בעוועגט דורך זייער

מינדעסטע



מינדעסטע לוינע (קאפרים) וויא איינע הילצערנע פופע (קוקלע) דורך דעם דראט פון איינעם קוגלארז אדער שארמאנציק . אונ וואר אזוי איין דינער פון פילע הערען . אם שלימסטען פלעגט עס מיט מיר צוא גיין אלס עס ווארען געסטע . אונ ווען ווארען עס ניט . דער דאקטאר אונ זיינע פרויא ווארען דיא שטאם געסטע הויפט געסטע אדער (שטאוויצנע) . איין בייסטליכר (פאפ) פון זיינע גיטער אדער שפראווניק ווארען געוואוינליכע געסטע . אונ זייער אפט פלעגט צוא קומען זייערער נאך אזון וואס האט שוין געדינט אין מיליטער (חיל) מיט אפאר קאמראדען . איין ביטערער מענטש פון זייער האנד האב איך בעקומען דארט דיא ערסטע פעץ דעם ערסטען בריק מיט דעם פוס . אונ דער צוא נאך דעם געוואוינליכען דארטיגען שימפפווארט מיט איינער דונערענדע שטימע דאס עס האט מיר ערציטערט דער מארך אין דיא ביינער . דיא עלטערען האבין אים צוואר זייער גוט בעצאלט דער פאר . אונ האבין מיך פערזאגט דאס איך זאל אים אין מינדעסטען ניט פאלגען . אונ דאס גלייכען ער זאל זיך נימאלס מיט מיר שאפען . . דאך דיזעם אלעם האט אים ניט פריינדליכער געמאכט צוא מיר . אונ האט זיך מיט דער צייט העכסט בארבאריש אבגערעכענט מיט מיר וויא איך וועל דא ווייטער שרייבען .

אין דעם אווענד וואס וואר דארט אבאל האב איך שוין קיין הענד אונ קיין פיס געהאט . דאס האב איך געמוזט פאר דיזע דאמע אויפזוכען אשנופטוך וואס זיא האט פערלארען . פאר יענע איין טייערען שטרומפף באנד (אפאדעסקע) . פאר איינע אנדערע ארינג אפארלארענעם . אונ אזוא אויך מאנכע הערען פערדרייבערען אפפייף . אונ דעם אויפזוכען אין זיין אויבער מאנטעל אטאבעקירקע . איך פלעג צוואר בעשיינקט ווערען פון זייא מיט זילבער געלד . איך פלעג עס אבער אפ צוא געבען דער קעכען . דען וויא דיא ווארהייט צוא זאגען איך האב איר אונ איר מאן געליבט וויא מיינע עלטערען .

אנ

אונ דאס גלייבען זייא מיך . אונ זייא ווארען אזוא פיין נעגען מיך דאס זייא פלעגען זמיך צוא טרייבען דאס איך זאל אלע טאג דאווענען . פאר דיא עלטערען בעטען . פאר זייא פלעג איך אויס שיטלען מיין ביטער הערץ וואס פלעגט זיך אן פילען פון טאג צוא טאג מיט נייע קלעמונג אונ קריינקונג וויא איך וועל עס באלד ערציילען אין דעם ווייטערדיגען קאפיטעל . אונ זייא פלעגען צוא האבען גרוים מיטליידען מיט מיר אונ פלעגען מיך טרייסטען מיט דעם וואס זייא האבען גרעסערע ליידען פון די הערשאפטען אלס איך . ערסטענס דאס זייא האבען קיינע רוהע טאג אונ נאכט . צווייטענס ווערען זייא הארט בעשטראפט פאר יעדע געריכט וואס שמעקט ניט אזוא גוט .

7

„מיין לעבען אין דיזען הויף"

וויא דיא ווארהייט צוא זאגען האב איך מיך ניט געהאט שטארק צו בעקלאגען אויף מיינע הערשאפטען דאס הייסט איבער דעם גראף אונ דער גראפינע . זייא האבען מיך בעהאנדעלט וויא עהרען לייטע . אונ פלעגען מיך זייער אפט בעלויבען פאר דעם דאקטאר אונ זיינע פרויא דאס זייא זייען העכסט צוא פרידען מיט מיר . איך בין זייער שיין . קלוג געהארזאם לאוקע . ראזטראפנא אונ האלט מיך זייער ציכטיג אונ זויבער אונ רייד גאנץ ווייניג . ביי אלעם דעם האב איך אין דיא ערסטע דרייא יאר דארט זייער שטארק געליטען . ערסטענס וואר דארט דיא אלטע בערבארישע זיטע נאך (ווילדער מנהג) דאס *) ווען דאס קינד פון דעם הערען האט זיך פערזינדיגט אזוי

*) דיא פערפלוכטע זיטע וואקסט נאך פון דיא גאנץ גרויע צייטען



אזוא ווייט דאס ער האט פערדינט דאס מעזאל אים ציכטיגען (שמייסען) פלעגט מען שמייסען אן שטאט אים איין קינד פון איינעם קנעכט לעבען אים אום צוא ווייזען אים וואס ער איזט ווערט . אונ דיזער פאל פלעגט דארט זייער אפט געשעהען דען דיא קינדער דיא גראפסקע זייען געוועזען גרויסע סאלונעם פלעגען אן צו טאן שאדענס , אונ ניט מאכין קיין לעקציאן . דיא ערשטע עטליכע וואכען פלעגט מען זיך געבען נאך דיא מיהע אויף צוא זוכין דארט אין הויף איין קינד פון אוועסען פון אהירט . פון אפסארניק . אונ נאך הער איך וויים ניט צוא וייל מען האט שוין קיין אנדערען ניט דער וויסט . אדער מען האט זיך שוין געפוילט וייל מען האט מיך געהאט ביי דער האנד האט מען דיזע בלוטיגע שטעלע שוין אויס געפיהלט מיט מיר . צעהען פאר ריטער וואר געוואונליכע ביי יעדעם מאל . אונ אמאל פלעגט מען צוא געבען אויך פופצעהן . צוא דער גראף אונ דיא גרעפין האבען דער פון געוואוסט . צוא וואר עס מיט זייער ווילען אדער ניט וואר מיר איין געהיימניס . זייא פלעגען מיר אפט צוא זעהען מיט : פערוויינטע אויגען אונ פלעגען גאר ניט פרעגען דיא אורזאך דער פון דען וואס פאר אבאטרעף האט געהאט טרערען פון איינעם אונטערטהאן אין דיא אויגען פון אפאמיעסציק קלאגען זיך פאר זייא וואר איינע אונפערצייהליכע זינדע . אונ האב עס ערטראגען מיט גרויס געדולד דאס איך. בין שוין געוואוינט געווארין

צייטען דאס מען געפינט שפורען (סלאדען) דער פון זעלבסט אין דער ביבעל תנ"ך אין (משלי י"ז כ"ו כ"ז) „כעס לאביו בן כסיל וממר ליולדתו . גם ענוש לצדיק לא טוב להכות נדיבים עלי יושר" עס קריינקט דעם פאטער פון איין אונגעראטענעם זון צוא בעשטראפען צוא ליב אים איין אונשולדיגעם קינד פון איינעם אנדערען .

געוואָרען דער צוא וויא דער אָקס צום אַקער.

דאך וויא אונזערע חכמים זאגען אויף דעם פסוק וגם הוא חכם ויבא רע. דאס זעלבסט דיא גרעסטע רעה ברייננגט גאט מיט חכמה. דאס עס זאל ארויס קומען דער פון דיא גרעסטע טובה אזוא וואר דיזער פאל ביי מיר אויך. דען אום צוא האבען מיך אימער ביי דער האנד צו בעשטראפען מיך פאר זייער ניט וויסען דיא אורזאכעם זייערע. האב איך געמוזט זיין דער ביי אלס דער אוציטעל גיט זייא ארויס נייע לעקציאנען אונ הערט זייא אויס דיא נעכטיגע. אונ האב דער פון פיל מעהר פראפיטירט אלס דיא יונגע גרעפליך. אונ דער לערער וואס האט עס אנגעמערקט. האט אנגעהייבען צוא ווייזען מיר אלע טאג אין שרייבען אין רעכענען דארט אין זיין צימער. אונ אלס ער האט ענטדעקט אין מיר גרויסע פעהיגקייט (שפאסאבנאסק) האט ער אנגעווענדעט אן מיר מעהר מיהע שוין אלס אן דיא גרעפליך. דאס אין פערלויף איינעם יארעם האב איך זייא שוין איבער שטיגען זעלבסט אין רוסים אין רעכענען אונ נאך אין פראנצויז. אונ איך האב שוין אזו ווייט געבראכט דאס איך האב שוין געדינט דארט אלס אבראזעץ (מוסטער) פאר דיא קינדער מיט מיינעם גרויסען פלייס. מיט מיינעם גרויסען קענען. אונ אלס דער גראף אונ דיא גרעפין האבען זיך דער פון דער וואוסט האט זייא עס העכסט געפרייט. דען זייא האבען שוין געהאט מיט וואס צוא שטעכען דיא קינדער דיא אויגען. „שעמט אייך" פלעגען זייא צו זייא זאגען. מיט דער צייט וועט אזוא איינער ווערען מעהר לייט פאר אייך. דען א מענש אן קענען מוז זיך אומעטום שעמען" אונ האבען דאהער געבעטען דעם לעהרער דאש ער זאל מיר געבען אונטערריכט מיט זייערע קינדער צוא זאמען. אום אן צוא פייערען זייא צום לערנען דורך מיינעם שיינעם ביי שפיל. אונ דער לעהרער האט עס

גערען



גערען געטאן. דען ער איזט געוועזען דאך איין פראנצויזע איין הומאנער מענש. ער האט עס געטאן מיט לוסט אום נור צוא ענטוויקלען פון מיר איין געבילדעטען מאן דען ער האט איינגעזעהען אין מיר גרויסע פעהיגקייט (ספאסאבנאסט) אונ ער האט זיך ניט בעטראגען. דען עס האט זיין לערנען מיט מיר אזוא גוט געדייהעט (געראטען) וויא גוטע קערנער אין אגוטען גרונד. אונ איזט מיר געווארען דאריבער גוט וויא איין פאטער צום איינעם קינדע. דאס ער פלעגט מיט מיר צוא גורען (לערנען) זעלבסט אלס אלע פלעגען זיך שלאפען לייגען. איך פלעג זייער אפ צוא נאכטען ביי אים אונ אוועק פלוידערען מיט אים אפט ביז טאג. דען איך פלעג אים צוא מאכען זייער אינטערעסאנטע פראגען איבער זיין פאטער לאנדע. אונ ער האט פערגעניגען געהאט עס צוא בעאנטווארטען. אונ דורך דעם האב איך זייער שטארק פראפעטירט אין דער פראנצויזשע שפראכע.

אונ ביי אלעם דעם דאס הייסט ביי זיינעם בעסטען ווילען צוא מיר האט ער גוט קענענדיג אונ וויסענד ד שטייפע איין הארטע אריסטאקראטישע האלטונג פון דעם דאמאליגען רוסישען אדעל האט ער גאר ניסט געקענט וואס גוטעס ווירקען פאר מיר דארט אין הויז לבד וואס ער האט געגעבען גוטע מיינונגען דיא קינדער נור צו ליב מיר דאס איך זאל ניט דארפען ליידען פאר זייא אונ ווייטער האט מען זיך מיט מיר בעגאנגען גאנץ שקלאפיש. ערסטענס וואר איך נאך דארט אין שטוב אלץ וויא איין זינדען באק (שעיר החטאת) בעהאנדעלט געווארען וואש האט געליטען פאר דיא זינדע פון אנדערע. דען וויא נור אקינד האט געטאן אין שטוב איין דומען שטרייך (שאלאסט) האט מען מיך בעשטראפט פאר אים אין דיא אויגען אונ מען האט אים געזאגט דאס דיזען פסק איזט ער ווערט נור ער ווערט פערשוינט צוא ליב

דעם

דעם נאמען גראף וואס ער טראגט אויף זיך .

לבד דעם וואר איך בעהאנדעלט פון די קינדער . וויא איינע לעבלאזע (טויטע) שפילצייג (איגרושקא) אלס זייא פלעגען צוא שפילען אין דורנעס אדער נאסקעס . פלעגט דער געוואונענער געבען נאסקעס (שנעלען אין נאז) מיר אן שטאט דעם פערלארענעס אונ איך פלעג זייער אפט וועק צוא קומען פון דיזעם שפיל מיט אנאז וויא אטרויב . אלס די קינדער פלעגען צוא שפילען האכצייטען . אדער בעזוכע . פלעגט מען מיך געברויכען אלס רייט פערדעל צוא דיזען ראלען איך פלעג מיך מוזען שטעלען אויף אלע פיר . אן טאן מיר איין קליין צעמעל מיט לייצקעס אונ איינער פון זייא איונגע אדער אמיידכען האט אויס געריטען מיט מיר דעם גרויסען זאל צעהען מאל אין דער רונדע אונטער דעם שאלענדען געלעכטער פון די איבעריגע . אונ פלעג נאך דעם בלייבען צו געבונדען אנאנצע שטונדע צו אפענסטער איבער אסיסעל האבער . אלס פערד וואס איזט צוא געבונדען צום קרילעץ ביז זיין הערר וועט מאכען די ריק רייזע . איך פלעג פון די,ער טייוועלשען שפיל לויז קומען מיט איינעם צעבראכענעם רוקען אונ מיט בלוט פערלאפענעם געזיכט .

צוואר פלעגט עס געשעהען נור אלס די עלטערען פלעגען ניט זיין צוא הויז . דען דאן פלעגען זייא די קינדער אומקערען די שטוב קאפויר ליידער פלעגט עס זייער אפט טרעפען דאס די עלטערען ווארען ניט אין דער היים . אונ איך האב מיך געמוזט גאנץ געלאסין וויא איין לאם (שעפסעלע) ערגעבען צוא דיזע טאלהייט . אונ זיך ניט בעקלאגן פאר דיא עלטערען . דען דיזעם וואלט דאן געהייסען איינע נעפאקלושנאסט . אונ דאן וואלט שוין די הויט ניט מיינע געוועזען .

דיזעס האט צוואר דעם פראנצויזישען לעהרער זייער געקרענקט . עס וואר אים אבער דער מונד צוא געשלאסען

צייט



צייט ער האט זיך געוואגט צוא פערוועהרען (ממליץ צוא זיין) באלד וויא ער איזט אנגעקומען אהין פאר : דיא גרעפענס קאמער מיידכען . אלס זיא (דיא גרעפען) האט געהייסען איר געבען פינף אונ צוואנציג פאר ריטער פאר וואס זיא האט זיך פאר זאמט אויף איינער האכצייט מיט אשטונדע מעהר אלס זיא האט איר ערלויבט "הערר פערעץ" האט זיך דאן דיא גרעפען אפגערופען צוא אים ווען עס איזט איך בעליבט צוא פערבלייבין בייא אונז ווייטער זאלען זייא זיך ניט אריין מישען אין אונזערען הייזליכען רעגעמענט (אופראוולענע) דען דא איזט ניט פראנקרייך אונזערע לייט מוזען פיל אנדערס בעהאנדעלט ווערען אלס אייערע . פאר אייערע איזט גענוג אווארט . אונ פאר אונזערע איזט ווייניג הונדערט שטעקענס . אונ האט אים דער בייא צוטירט (געלייענט) דעם פסוק "תחת גערה במבין מהכות כסיל מאה" .

דער לעהרער וואס וואר אים זיין ברויט טייער אונ ליב דען ער וואר געלעהמט אויף איין פוס . אונ דער צוא נאך אין גאנצען איין קאראקאטור (איין פערזעהענעס) . אונ האט געדיינקט זייער גוט וויא שווער עס איזט אים אנגעקומען דיזע שטעלע בייא דיזען גראף . דורך גרויסע רעקאמעדאצעס נור . האט שוין געוואוסט וויא מויל צוא האלטען דא זעלבסט בייא זיינעם זעהען דיא גרעסטע טיראניע אנטגעגען דיא בויערען אונ בעדינטע וואס וואר אין יענער . צייט גאנץ געוואוינליכעס אין דיזע לענדער בייא אלע פאמיעסציקעס . בייא דען רוסען צוואר פיל ווייניגער אלס בייא דעם פוילען דאך אבער גענוג בארבארעס . אונ נאך האט זיך נימאנד געהאט צוא ערפרייען מיט אזוא גרויסע וואוילטהאט וויא אונזער איצטיגער קייזער יר"ה האט זיך צוא ערפרייען מיט דער בעפרייאונג דער לייב איינענעם . דען ער האט ניט נור דיא בויערען בעפרייט ניין ער האט זעלבסט דעם פרייען פרייער געמאכט דען אזוי וויא

עס

עס איזט איינגסטליך צו לעבען אין אזוי אַלאנד וואו מענטשען וואַרען געשלאַכטעט אום צוא פאר קויפען זייער פלייש וויא אָקסען פליישׁ*) זעלבסט בייא זיינעם וויסען דאס ער וועט זיין פערשווינט. אַזו וואר יעדען הומאַנעם מענשען איינגסטליך צום מוטה צוא לעבען אין אַזוא אַלאנד וואו איין מענש איזט איין איינגענטהום (איין וואָלאסנאָסץ) פון דעם אַנדערען דאס ער מעג טאָן מיט אים וויא ער וויל. עס וואר געפּרעסט דער פון יעדע געמיטה. נון אָטעמט עס פרייא דורך דעם איינציגען ווילען פון אַלעקסאנדר דעם צווייטען יר"ה.

נון ווערדע איך מיך צוריק קערען צוא מיינער ערצייאלונג. יא דיזער פערעץ האט גאר ניט געשפּראָכען וועגען מיר מיט דער הערשאַפט. מער ניט וויען עס פּלעגט קומען צוא רייד מיט זייא איבער דעם לערנען מיט דיא קינדער פלעגט ער בענוצען דיזע געלעגענהייט צוא ריידען גוטעס פון מיר. דאס איך האב גרויסע שפּאַסאָבנאָסץ (פלייס). אונ בין איין גוטער פרימער פאר דיא קינדער אין אַלע זאכען הין אין לערנען אונ אין אויפפיהרונג. אונ דיזעס וואר מיר ווירקליך פון גרויסע נוצען. דען זייא האבען שוין אנגעהייבען צוא אָוואַזאיען מיך פיל מעהר אַלס פריהער. אונ אויף זייא קוקענדיג האבין שוין דיא קינדער אויך אנגעהייבען מיך מעהרער צוא שוינען. זייא האבען שוין אויפגעהערט אין מיינעם דרייצעהנטען יאר צוא שנעלען מיר איך נאָז צו רייטען אויף מיך אונ דאס גלייבען.

דיזעס אָבער וואר דאס קלענסטע וואס דער פערעץ האט דארט פיר מיך געטאן. ער האט מיך געמאַכט פאר איין

---

*) זעהע איין אין דעם לעקסיקאן אַרטיקעל פלייש ועסט דוא זעהען דאס אין אַפריקע ווערט פערקויפט אין דיא יאַטקעס פרויען פלייש אונ מענער פלייש. קינדער פלייש נאך עד היום.



איין געבילדעטען יונגען מענצל. ער האט מיט מיר אין דיא שטילע ווינטער נעכט דורך געלעזען פילע ביכער אין פראַנצויז. אין רוסיס. דען ער וואר אויך איין טיכטיגער גוטער רוסי (דאס הייסט פערשטאַנען זייער גוט רוסיס). ער וואר אין רוסלאַנד שוין פון זיינעם זעקסטען יאר. זיין פאטער וואר געהיים שרייבער בייא דעם פראַנצויזישען פּאָסלאַניק. אונ האט אַלזוי דורך געמאַכט דעם גלאַוונעם פּאַנסיאָן פון פּעטערסבורג. אונ האט נאכהער אריין געטראַטען אין רוסישע דינסט אין לייבגוואַרדייסקען אוזאַרסקען פולק. ער האט אָבער געדינט נור צוויא יאר אונ איזט אַרויס ווייל ער איזט געוואָרען דארט בייא איינער (רעוויא) געלעמט אויף אַפוס. אונ דיזעס אונגליק האט אים מיט דער צייט געבראַכט צוא דער שטופּע (גראַד) פון איינעם לעהרער. אונ וואר דער צוא העכסט בעפעהיגט (שפּאָסאָבנע). ליידער וואַרען עס ניט דיא שילער זיינע. דען זייא וואַרען אַלע ביידע גאַנץ אונפעהיגע (ניא שפּאַסאָבנע) אונ העכסט פערצויגענע. דאס דער לעהרער האט ניט געטארט איין גראָב וואָרט זייא זאגען. אונ וועער רעט שוין פון אַקלאַפּ. אונ האבען פערשווענדעט פיל מעהר צייט אויף שפּילען. אויף שפּאַצירען פאָרען איך געסטליכע בעזוכע. אַלס אויף לערנען. אונ איך וואס וואר גראַדע דער קאנטראַסט (דער הפך) פון זייא. איך וואר העכסט בעפעהיגט (שפּאָסאָבנע). פלייסיג. גענוג איינזיכטיג (דאס הייסט פאָניאַטליוואַ) צוא פערשטיין דאס מיין איינציגעס גליק בעשטייט נור אין קענטניס. בילדונג האב איך געזעהען צוא מאכען מיך העכסט בעליבט בייא דעם לעהרער וואס וואר איין העכסט איידעלער ווילענגוטער מאַן וויא איין עכטער פראַנצויזע דאס ער זאל זיינע מוססע שטונדען (ליידיגע שטונדען) וואס וואַרען פיל מעהר דורך דעם דורך שניט אַלס צוויא דריטעל טאג אנווענדען אן מיך עלענדען. אונ ער האט עס מיט פריידען געטאַן.

לבד שפראכקענטניסע האב איך ביי אים דער לערענט זייער גוט מאטעמאטיק (רעכענען) היסטאריע. געאגראפיע. צייכענען. אונ איינע אויסגעצייכענטע קאלעגראפייע (שיין שרייבען). מעהר פאר אלעם וואר ליב אונ טייער זיין אומגאנג מיט מיר. דען איך האב מעהר ערלערנט פון איינעם שפאציר גאנג מיט מיר אויף די וויזען (לאנקעס) אדער אין די האיינען (וועלדלאך) פיל מעהר אלס פון זיינע לעקציאנען. ערסטענס האט ער מיר דאן זייער פיל ערקלערט פון דער באטאניק (די ידיעה פון אלערלייא געוועקסע) פון דער צאאלאגי (דאס הייסט די ידיעה פון אלער האנד בעלי חיים פון פייגעלעך. פון האזען. פיקס אונ דאס גלייכען) אונ היינט גלאט האט ער זיך בעשפראכען מיט מיר זייער פיל איבער די פאליטיק. איבער די רעליגיאן. איבער די עטיק (וויא אומצוגיין מיט מענשען). דען ער וואר אמאן פון גרויסע קענטניסע איין אוניווערזאל (איין חכם הכולל). ער וואר מיר איין אונערשעפליכער בארען (ברונען) אונ איך האב פון אים געשעפט מיט פריידען.

אויך ניט ווייניגער גוט וואר מיר די גובערנאנטין פון די צוויא מיידכען. זיא וואר איינע פאלנישע דאמע פון איאר דרייסיג. האט געשפילט פארטעפיאנע פארטרעפליך. האט זייער וואויל געזונגען. מייסטערהאפט געטאנצט. אונ זייער גוט געשפראכען אויסער (חוץ) איר מוטער שפראכע פוילעש זייער גוט רוסיס אונ טייטש. קורץ געזאגט זיא וואר איינע דאמע פון באנטאן (פון איינעם איידעלען בענעהמען) אונ האט מיט די ביידען מיידכען געמאכט פיל מעהר פארשריטע (פעולה) אלס דער לעהרער מיט זיינע שילער. ערסטענס וויל די מיידכען וואהרען אויס געוויסע אורזאכען. אלס די אינגלאך. צווייטענס פיל בעשיידענער (סקראמנער) וויא די וואהרהייט צו זאגען וויל זיא האט די פעדיגאגעקע

די



(די חכמה פון קינדער ערציהונג) פיל מעהר פערשטאנדען אלס דער לעהרער. דען זיא האט עס שטודירט אונ ער ניט. זיא האט געהייסען עלימפיא. זיא וואר שיין אויך אבער העכסט בעשיידען העכסט קלוג אונ וואר העכסט געליבט פון דער גרעפין.

דיזע דאמע וואר מיר העכסט געוואגען (גוט) פון דעם ערסטען אויגענבליק אן וואס זיא האט מיך דער זעהען דארט אין שטוב. אונ זיא וואר אלזו אין דעם ערסטען יאר וואס איך האב אין אים נאך אלץ שלעכט רוסים געשפראכען די דאלמעצערין צווישען מיר אונ דער גרעפין. אונ גראדע דיזער פעלער האט מיר דער האלטען איהרע געוואגענהייט (פריינדשאפט) אונ צו גלייך אויך די טייטשע שפראכע. דען דיזעס האט מיר שוין געגעבען גענוג געלעגענהייט צוא בעשפרעכען מיך מיט דער גובערנאנטין. אין אנפאנג פלעגט זיא מיך קאראזירען (בעסערען) אין ריידען. נאך העהר אין לעזען. אונ שפעטער אויך אין שרייבען. דען זיא פלעגט צוא געבען אונטערריכט אין טייץ אויך ביידע קנאבען (אינגלעך) וואס איך האב גענומען איין גוטען אנטהייל (וויא איך האב עס שוין בעשריבען) אין זייערע לעקציאנען. אונ אזוא האב איך ניט פערזאמט צוא ערלערנען דארט טאנצען. מעהר אויס צוואנג אלס אויס גוטען ווילען. איך וואר אין אנפאנג דער צוא גענייטיגט דאמיט עס זאל ניט פעלען דארט איין העהר צום קאמפלעט. איך האב עס ערלערנט זייער שנעל אונ דער צוא נאך העכסט מייסטערליך וויא איין באלעט טענצער. אונ צוא ליב דעם בין איך שוין געווארען איין גרויסער מחותן מיט דעם פארטעפיאן. איך האב דער לערענט נאטען אין אקורצע צייט. אונ פלעג מיך צוא איבען אויף דיזען אינסטרעמענט אין יעדע צייט ווען איך אונ ער וואר ליידיג. אונ דיזעס פלעגט צוא זיין כמעט אלע טאג. אם מעהרסטען אין וואקאציע צייט

צייט אלס די פאמיליע די גאנצע פלעגען צו מאכען ווייטע בעזוכע . אונ מיך אונ די גובערנאנטע פלעגען בלייבען צוא הויז· דאן פלעגט זיא מיר געבען איין טעגליכע אונטעריכט דער צוא נאך האב איך געהאט איין פריינדליכען אומגאנג מיט דעם דאקטאר אונ מיט זיינער פרויא אונ וואר איין אפטער גאסט אין זייער הויז . זיא וואס וואר איינע מייסטערין אין שפילען וואר מיר העכסט געוואגען (גוט) אונ פלעגט מיר אלזוי אויך זייער אפט אונטער ווייזען אין דער מוזיק אונ ערלויבען זיך צו איבען אויף איהר פארטעפיאן וואס וואר פיל בעסער אלס דער גראפסקע אויך האט זיא מיך געלערענט וויא עס צו שטימען אונ וויא נייע זייטען (שטרונעס) אן צו ציהען · זיא פלעגט צו פארפלוידערען דער בייא מיט מיר מאנכע שטונדע איבער פערשידענע געגענשטענדע אונ אזוי אויך ער אונ האב דער בייא זייער פיל פראפיטירט פון דער דייטשע שפראכע פלעגען מיר צו בארגען (לייען) זייער פיל דייטשע ביכער אונ איך האב זיי דורך גילעזן מיט גרויס פליים אונ האב מיך ניט געפוילט צו פרעגען ביי זיי וואס איך האב אין די ביכר ניט פערשטאנען · אונ זייא ווידר האבין זיך ניט געפוילט צו ערקלערען מיר עס מיט פערגעניגען אונ האב מיך אלזוי דורך געטליכע הילפע אונ דורך מיינען גרויסען פליים אונ מיינע גוטע פעהיגקייטען אויס געבילדעט אין רוסיס, טייץ, פראנצויז אין מוזיקי , טאנצען , שיין שרייבען אונ רעכענען , דאס אין מיינעם זיבענצעהנטען יאר וואר איך אים שטאנד צו געבן אונטעריכט אין אלע דיזע געגענשטענדע (זאכען) די קינדער פון דעם דערעקטער , איין דייץ וואס וואר איבר די גרויסע פאפירנע וואס וואר לעבען דעם דארטיגען הויף אונ האב בעקומען דער פאר פופצעהען רוביל מאנאטליך איך האב דעם גראסען געשפארט אונ געקליבען בייא דער דאקטערקע אין מיינען פעראויסגעזעהען דאס ניט פיר אימער וועל איך אזוי פערבלייבען אין דיזען הויף דאס די צייט וועט מאכען גרויסע

פערענדערונגען



פערענדערונגען מיט מיר אונ פערגעווים ניט צו מיינעם בעסטען (טובה). דען די שלעכטע זייען פיל מעהר אלס די גוטע אונ דאן בלייבט נור דער איינציגער פריינד מער ניט וויא דער איינענער רוביל וואס ווערט אפ געשפארט פון פריהער :

## 8.

### „מיינע ענטוויקלונג (אוים בילדונג"

אלס איך וואר שוין אלט איאר זעכצעהען דאס איך וואר שוין אין שטאנד צוא וולאדאיען מיט איינער פיל זייטיגע פעדער (דאס הייסט צוא שרייבען מיט איר די דרייא שפראכען .רוס . טייץ . פראנצויז) אונ דאס גלייכען שפרעכען . אונ וואר נאך דער צוא זייער שיין אויס געוואקסען דאס עס וואר איינע פריידע אנצוזעהען מיך . האבען מיינע הערשאפטען אנגעהויבען צוא געברויכען מיך צו פיל וויכטיגערע בעדינונגען אלס פאר הער. בפרט נאך דאס די צווייא קנאבען (אינגלעך) זייען אפ געפיהרט געווארען שוין אין אקאדעטסקען קארפוס קיין מאסקעווע · אונ דאס גלייכען אין איאר ארום ווארען ביידע מיידכען אפ געגעבען געווארען אין אפאנסיאן .

ערסטענס בין איך געווארען בייא זייא איין דאמאשנער פיסאר . אונ געפיהרט אלזו דעם רעכענונג פון הייזליכע אויס גאבען . אונ מאנכע מאל וואר מיר געדיקטירט בריף אין רוסים וואס איך האב זייא געדארפט איבער זעצען אין טייץ אין פראנצויז . דען די גובערנאנטען אונ דער פראנצויז פערעץ ווארען שוין ענטלאסען . די גובערנאנטען איזט אוועק קיין טייצלאנד דער פערעץ האט זיך פערהייראטהעט מיט איינער רייכען טייצעשען דאמע . וואס האט געערבט פון איהר פאריגען מאן וואס וואר איין דאקטאר איין קליינעם גוט פון צוואנציג דיסעם וואס וואר נ״ר אפאר וויארסט פון דעם גראפסקען הויף . צווייטענס בין איך געווארען קרעדענצער . אלע זילבער געשיר וואר אונטער

דלת (ס״סי) מיינער

מיינער אבהוט (שמירה). דריטענס פלעג איך זייער אפט מיט פארען דאן מיט מיינעם העררען קיין מאסקעווע אדער אין אנדערע גובערסקע שטעט אלס דאקלאדציק אונ געהיים שרייבער. אונ וואר בעהאנדעלט פון אים זייער הומאן. אונ פלעגט מיר אלץ פארשפיגלען גוטע אויס זיכטען. דאס ער וועט מיך מאכן מיט דער צייט פערוואלטער אונ בוכהאלטער איבער אליטיינעם פאבריק זיינעם (אייזענפאבריק) וואס ער האט אין זיינע ווייטע גיטער. אונ פלעג בעשאנקען ווערען פון אים זייער אפט מיט אפינף אונצוואנציגער אונ פלעגט צוא זאמען מיט אים אונטער וועגענס ביי איין טיש צוא עסען. אונ פלעגט זיך מיט מיר זייער אפט בעשפרעכען איבער הייזליכע אינטערעסען. אונ בעראטען זיך מיט מיר איבער געשעפט זאכען דען ער האט אין מיר איינגעזעהן איין מענשען מיט אזדראווען ראסודאק. אונ האט אלזו געפאסט (געהאט) דעם גרעסטען צוא טרויען צוא מיר. אונ אזו אויך בין איך גיט שלימער בעהאנדעלט געווארען פון דער גרעפין. אונ איך האב מיך אויס געצייכענט ביי איר אויף מיינער רייזע מיט איר אין דיא בעדער. דען איך וואר דארט איר געהיים שרייבער. איר טאלמאץ אונ צוא גלייך איר אויפפאסער. זיא האט מיך זייער שיין אויס געקליידעט דארט. אונ ארענטליך בעשאנקען אונ פערשפראכען אלעס גוטעס. אונ וואלט געוויס ווארט געהאלטען. אונ אזו אויך ער. דען וויא דיא ווארהייט צוא זאגען ווארען זייא מענשען פון גרויסען אונ איידעלען כאראקטער. דיא צייט אבער האט איין גרויסען שטריך געצויגען דורך זייער רעכענונג (געמאכט אשטערענעס) וויא איך וועל עס באלד בעשרייבען. אונ אלע מיינע נאלדענע אויס זיכטען זיינען צוא וואסר געווארען:

דער ווילע מיינע לעזערין מוז איך דיר פון וואס אנדערס בעשרייבען. פון איינעם וויכטיגען געגענשטאנד וואס געהערט נאך צוא מיינעם לעבענס ארט אין דיזען הויף וואס בעטרעפט

נוגע



(נוגע) צוא מיינער רעליגיאן. אונ צוא מיינעם קינדליכען הערץ (דאס הייסט און אטנאסעניע פון מיר צוא מיינע עלטערען):

וויא דיא ווארהייט צוא זאגען. האט ניט איינער פון דיא הערשאפט. אונ אזו אויך ניט איינער פון דיא הויזלייטע אונ ניט פון דיא הויפיגע (דווארניאנסקי) געגלאסט מיך שפידען דאס איך בין איין יודע. נימאלס וואר מיין אויער דארט בעליידיגט מיט דעם נאמען "זיד" אונ ניט איינער האט מיך בערעט דאס איך זאל מיך טויפען. אונ איך ווידער פון מיינער זייטע (מצדי) האב זייא אויך ניט געלאזט פילען דאס איך בין איודע. דען מיט דער צייט האב איך פערגעסען דאוונען. דען איך האב דאך מיט זיך קיין סדור געהאט. איך האב עס בעקומע ערסט אין איאר אכט ארום אלס געשיינק פון איינעם אידעשען קויפמאן אין אקליינעם פארמאט איך האב שוין אבער עברי פערגיסען. אונ מיינע גאנצע אידעשקייט איזט בעשטאנען ניר אין קריאת שמע לייענען וואס מיינע עלטערען האבען מיך איינגעוואוינט אין דעם פון מיינעם דריטען יאר אן. אונ בין אלזו געבליבען יודע אויס צוויא אורזאכען. ערסטענס וויל איך וואר ניט בערעדעט צוא דער טויפע אונ פשיטה שוין ניט געצוואונגען דער צוא. צווייטענס האב איך בעקימען ביי דעם דאקטאר איינע טייטשע ביבעל. איך האב זיא דורך געלעזען איינינע מאל. אונ וויא וואר עס מיר פארט צוא מוטה אלס איך האב מיך בעגעגענט דארט מיט דיא נעמען פון דיא מיר שוין לאנג בעקאנטע היילינע פערזאנען. אברהם יצחק יעקב יוסף משה. נעמען וואס מיינע רעבייאים האבען זייא איינגעדריקט אין מיינעם צארטען הערצען. אונטער דעם נאמען היילינע אבות. דיא טרייע וועכטער פון אונזער ריינעם גלויבען. מעהר פאר אלץ האט געווירקט אויף מיין געמיט דיא געשיכטע פון דעם יאזעף (יוסף) דען איך האב אין פילע זאכען פערגליכען מיין

לעבענס

לעבענס געשיכטע צוא זיינע . אונ האב מיך גערעכענט פאר איין קאפיע פון זיינער פערזאן . דען איך בין אויך וויא ער פערוואגעלט געווארען אין איין ווייטעס לאנד . אונ בין אלס שקלאפע ביא איינעם גרויסען הערען אונ גאט איזט מיט מיר וויא ער וואר מיט אים . אונ שטייע אויס גרויסע פראבען וויא ער . דען איך וואר אויך שיין אונ ליבליך פון געשטאלט וויא ער אונ האב געהאט דאס אונגליק געליבט צוא ווערען פון איינער פארנעהמע דאמע דארט וויא ער . אונ האב דער פון אויך ניט ווייניג געליטען . נור מיט דעם אונטער שייד ער האט זיך אבגעהאלטען פון זיינער פערליבטע דאמע אויס גאטעס פורכט . אונ איך מעהר אויס מענשליכע פורכט אלס אויס גאטעס פורכט . אונ געלויבט אונ געדאנקט איזט זיין ליבער נאמען . דאס איך בין ארויס דער פון ריין אויך וויא ער :

אונ דאס גלייכען האב איך געהאט אגרויסען שטרייט מיט מיינעם איינענעם הערצען וואס האט בעקומען איינע גרויסע נייגונג צוא דר טאכטער פון דעם דארטיגען פראוולאיעסצע איינע געוויסע קסענע זיא וואר בליהענד שיין . איינינער מאסען געבילדעט . העכסט ליבליך . זיא וואר איינע ביא איהרע עלטערען וואס ווארען זייער רייך . דאס מיידכען וואר מיר העכסט גוט . פערליבט אזו גאר אין מיך אונ דאס גלייכען ווארען מיר דיא עלטערען העכסט געוואגען (גוט) . זייא האבען אלזו פון הערצען געוואונצען דאס איך זאל זייער איידעם ווערען . עס האבען זיך אריין געמישט אין דעם אזו גאר פיל הויפינע לייט . דיא גרעפין זעלבסט האט מיך דער צוא בערעדעט . אונ איך העטע פילייכט געטאן ווען מיין רעליגיאן וואלט מיר ניט אם הערצען געלעגען . דען דאן וואלט איך מיך שוין פערגעווים געמוזט טויפען אונ דיזעס האב איך ניט געוואלט פאר קיין אופן . אונ דיזער שטרייט האט מיר געקאסט גענונג געזונט . דען עס וואלט מיר דארט זייער גוט געווען . עס איזט





איבער דיזע צוויא ליבשאפטען איין גאנצעס ווערק אדער איין ראמאן צוא שרייבען · אין דיזען ערצייהלונג אבער איזט גענוג דיזע ווינציגקייט דער פון :

אם שלימסטען האב איך געליטען פון איינר דריטע ליבשאפט וואס איך וועל פון איר שפעטער שרייבען . איינע ליבשאפט וואס זיא האט ענטשידען (גערעשעט) מיינעם שיקזאל (מערכה) דען זיא וואר דיא הויפט אורזאך פון מיינעם איצטיגען שטאנד דער ווייל אבער סוז איך אין דיזען קאפיטעל ענדען דיא ערצייהלונג פון מיינעם לעבענס לויף (תאד זיזן) אין דיזען הויף וואס איך האב אין אים פערלעבט גאנצע פערצען יאר . דאס הייסט ביז מיין איין אונ צוואנציגסטען יאר מעהר אין ליידען אלס אין פריידען . דען איך האב דארט גענוג געליטען פיזים (בגוף) אונ מוראלים (בנפש) . דעם בעסטען קנעבט איזט אויך שלעכט . אונ דינענד דעם בעסטען הערען . זייען דיא אויגען אימער פול מיט טרערען .

אין דעם ערסטען יאר פון מיינעם זיין דארט האב איך מיך שרעקליך געוועהנעט (געבייזנקט) נאך מיינע עלטערען . האב אין דיא שטילע נעכט מיינע אויגען רויט געוויינט איבער זייא . זייא פלעגען מיר צוא ערשיינען אלע נאכט אין טרוים . אונ פלעג זיך דאן מיט זייא אונטער האלטען וויא אויף דעם וואר . דאס איך פלעג ריידען פון שלאף מיט זייא ביז איך פלעג אויס צוא ברעכען אין איינעם שרעקליכען געוויין . שרעקליך וואר מיר אין טרוים דען איך פלעג זייא זעהען אין שרעקליכע פאזיציאנען (געשטאלטין אונ פארשטעלונגען) דעם פאטער אלס סאלדאט וואס ווערט געפיהרט צערעס שטרויא אונ דיא מוטער אלס איינע קראנקע געקליידעט אין טרויער מיט פערוויינטע וואנגען (באקען) · נאך שרעקליכען וואר מיר ביא מיינעם ערוואכען מיך . דען איך האב העכסט געלויבט אין טרוימע . אונ האב געמיינט דאס זייא זייען ווירקליך אזו . אין פערלויף איניגע

יאהר אבער . האט עס שוין אויף געהערט דען אין: האב מיך אנגעהויבען שוין צוא פערגעסען אן זייא וויא אמאל יאזעף אן זיינעם פאטער וואס האט אנעמען געגעבען זיין עלסטען זון מנשה ווייל ער האט זיך פערגעסען אן דאס הויז פון זיינע עלטערען · אונ פלעגט זיך אן זייא דער מאנען נור אלס מען פלעגט מיר ניט גוט בעהאנדלען . אונ מיט דער צייט האבען אוים געפילט זייערע ביידענס ליידיגע פלעצער אין מיינעם הערצען דער קוכער וואסיל אין דיא קוכארקע מאסא וואס ווארען מיר דיא גאנצע צייט אזוי גוט וויא דיא הייסעסטע עלטערן · דען זייא ביידע האבען זיך געקימערט אום מיין וואויל אונ ווייהע וויא טאטע אונ מאמע · איך האב מיך געפיהלט גאנץ הימים (וויא אין דער היים) אלס איך וואר ביי זייא אין זייער קוואטיר · על פי רוב פלעג איך ביי זייא צוא עסען . נעכטיגען . ביי זייא האב איך געהאלטען מיין קעסטעל מיט מיינע זאכען · ביכער אונ אפט דעם גראסען . צוא זייער געבורטס טאג פלעג איך זייא געבען פרעזענטען (מתנות) · אונ איך וואר אלזו זייער גאנצע פריידע אונ טראסט אין זייער לעבען · אונ איך פון מיינער זייטע האב זייא בעהאנדעלט וויא איין גוטער זון · פלעג זייא אלע טאג ר?סען דיא הענט אין דער פריא · אונ פאצעטייען זייא וויא אייגענע עלטערן . אונ פלעג זייער אפט מיך פערוועגדען פאר זייא ביי דיא הערשאפט אונ ווארען אלזו דורך מיך פערשוינט פיל מאל פון איינער בעשטראפונג .

אויך וואר איך איין טעגליכער גאסט ביי דעם דאקטאר אונ ביי זיינער פרויא וואס ווארען מיר אויך זייער גוט . אונ אלע זונטאג פלעג איך צוא בעזוכען דעם פערעץ אין זיינעם גיטעל אונ וואר ביי איהם אימער איין ווילקאמענער גאסט · נון מיינע טייערע לעזערן בין איך שוין צו ענדע מיט דער שילדערונג (פארשטעלונג) מיט מיינעם לעבענס ארט דארט אין הויף ביז מיין

איין



איין אונ צוואנציגסטען יאר . נון וועלען מיר איצונד שפרעכען פון וואס וויכטיגערעס :

9.

„גרויסע אומענדערונגען“

ווען דיא וועלט איז שוין איין מאל געגליכען צוא איינעם שטירמישען מעער . וויא דער בחינות עולם זאגט (העולם ים זועף) האבין מיר שוין דאס רעכט צו פערגלייכען דעם מענטשען אין זיינע מיטעלע יארען צוא איין שיף וואס איזט שוין אין זיינער מיטען אונ איזט איין שפיל צו זיינע וואנענדע (קאכענדע) וועלען אונ אין זיינעם איין אונ צוואנציגסטען יאר · צוא איינער שיף וואס שטייט נאך בעטאקעלט (בעפראכטעט) מיט דיא בעסטע וואהרע (סחורה) אין זיכערען האפען אין פולער האפענונג צו מאכען דיא בעסטע געשעפטען . אונ ווערט דאך זייער אפט אויך דאן היין געריסען דורך איינען געוואלטיגען ארקאן (שטורעם) אין דעם ברויזענדען (לארעמענדען) מעער · אונ איזט אין געפאהר אונטער צוא גיין אין זיינע טיפען מיט מאן אונ מויז · אונ דיזער פאל וואר אויך מיט מיר . גראדע אין מיינעם איין אונד צוואנציגסטין יאר פון מיינעם לעבען . וואס איך וואר דאן אין מיינער רעכטע בליטהע (בליהונג) געזונד אונ שלאנק (גראדע געוואקסען) וויא איינע גראדע אייכע (דעמבע) . שיין וויא יאזעף אויסגעניפטען אוים געבילדעט וויא איין פירשטען קינד . בעוואפענט מיט אפיל זייטיגע פעדער . געוויגט אונ געצערטעלט (געפיעסצעט) אין דעם שוים איינער גרויסען האפענונג . צוא ווערען לויט דעם פערשפרעכן פון מיינם הערען איין פערוואלטער (אופראוולאיעסצע) אין זיינעם ליטיינעם פאבריק . רייך אין אוים זיכטען צוא ווערען שוין הערר מיינער זעלבבסט (איין פרייער מענש) . אויף זוכען דאן מיינע עלטערען . ווערען איין פאמיליען פאפער פון בליהענדע קינדער אונ זיך שוין אויסזעהענען (גוט פריינד ווערען) מיט מיינעם

ביז

ביז הער מיר פיינדליכען שיקזאל (מערכה):
דאן גראדע. אין דיזען איין אונ צוואנציגסטען יאר פון מיינעם לעבען. זייען אלע דיזע גאלדענע אויס זיכטען מיינע צוא וואסער געווארען (דאס הייסט גאר ניסט געווארען דער פון דורך דעם פלעצליכען טויט פון מיינעם הערען. ער האט זיך ערקעלטעט אויף איינער יאכט אויף וועלכע איך האב אים בעגלייטעט. עס וואר דאן איינע רויע וויסטע קעלט. איין פייכטער וועטער. דער צוא נאך האט ער געהאט דאס אומגליק דאס יאגענדיק זיך נאך אהירש אויף אנגעפרארענע אזערע האט זיך געבראכען דאס אייז אונטער זיינעם פערד אונ ער איזט אריין אין וואסער ביז דעם האלדז. דאס איך אונ זיין לייב יעגער האבען אים מיט גרויס מיהע אונ לעבענסגעפאהר ארויס געהייבען. ער וואר דאן שוין איין אונ זיבציג יאר. וואס דיא געזונדהייט איזט דאן קאפריזנע וויא מאנכער צינאיזניק פון איינעם שלעכטען אומאר וואס פערטראגט ניט דעם מינדעסטען ווידער שפריך (פראטיווארעציע) אונ זאגט נור עפעם "טי מנע רוגאל" אונ רוהעט ניט ביז ער פירט אויס דאס יענער זאל אוועק סיביר.

באלד וויא ער איזט געקומען אהיים האט אים אן געהויבען זייער שטארק צוא פיבערען שוידערען). ביי נאכט האט ער בעקומען גרויס היץ. אויף מארגען וואר דער דאקטאר העכסט בעזארגט וועגען אים. געגען דעם צווייטען אווענד האט ער שוין גערעט פון וועג אונ דער פולס וואר שוין אונרעגולאר. אונ אויף דעם דריטען טאג האט ער שוין מעהר ניט געהערט צוא דיזער וועלט. דען ער איזט געווארען איין הימעלשער בירגער (דאס הייסט ער איזט געשטארבען).

איך האב אים בעדויערט אונ בעוויינט וויא איין איינענעם פאטער. דען וויא דיא ווארהייט צוא זאגען וואר ער איין בראווער מאן מיט אנגעזונטען מענטשען פערשטאנד. דאס איינציגע וואס וואר אין אים צו טאדלען (צוא שענדען) וואר איינע שטייפע





אריסטאקראטישע האלטונג (איינע הערשאפטליכע מאניר) וואס עס ווארען אנגעשטעקט דער מיט דאן דער גאנצער רוסישער אדעל. אונ עס וואר עס אויך איהנען (זייא) ניט צו פערדיינקען. דען דיא לייב אייגענשאפט (פאדאנסטווא) וואס וואר דאן אין רוסלאנד האט זייא געמאכט אלע פאר קליינע פירשטענטהימער (מלוכות) דער צוא נאך האב איך געהאט אורזאכע איהם צו בעוויינען אויס איינעם נאך פיל וויכטיגערען גרונד אלם דאס ער וואר אזוי אמאן. איך האב אים בעוויינט ווייל איך האב איין געזעהען דאס ער איזט מיר פיל מעהר אבגעשטארבען אלס זיינע אייגענע קינדער וואס ער האט שוין פיליכט צוא לאנג געלעבט פאר זייא ווייל זייא האבען געפירכטעט זיינע פערשווענדונג. דאס דיא גיטער זאלען ניט בלייבען מיט דער צייט באלאסטעט מיט שולדען. ער ניר אליין וואר דער איינציגער וואס האט געדיינקט מיר גוטעס צוא טאן אונ צו גלייך אויך געקענט. איצונד אבער דא ער געשטארבען איזט וואר זיך שוין גאנץ אונגעוויס מיט מיינער צוא קונפט (שפעטערע צייט) אונ מיט מיינער בעשטימונג. דיא גרעפין וואר מיר צוואר גוט. זיא וואר אבער שוין דאן איין שאטען. העכסט ליידענד. שוואך. אונ פלעגט צוא פערלעבען דעם גרעסטען טהייל פון יאהרעם צייט אין מאסקווע אדער אין אויס לאנד אונ דעם מאנס טויט האט איר אין גאנצען ערשיטערט. דאס זיא וואר גאנץ אונפעהיג צוא אופראוולאיען דעם הויף אונ פשיטה שוין דיא גיטער. אונ זיא וואר אלזו געצוואונגען צוא שרייבען אבריף צוא איר עלטערען זון וואס וואר שוין לאנג אין לוזבע אונ וואר שוין פולקאווניק אין גווארדיע דאס ער זאל קומען וואס צום גיכסטען אהיים. איך זעלבסט וואר דער שרייבער פון דיזען בריף צוא אים. אונ האב אים געשריבען מיט טרערען דען איך האב געוואוסט שוין פון פריהער דאס ער איזט איין ביטערער מענש. אונ וועט דא אומקערען אונטערסט צוא אבערסט.

דיזער הערר וואס האט געהייסען נאוואָרקין וואר דאן אלט אייאר פינף אונ פערציג איין שטרוינער יונג. געקליידעט אין איינעם אוזארסקען אונטפארעם. איין וואנצאק מיט איינער ערענסטע אונ פינסטערע מינע. ביי אלעם דעם האט ער מיך אין אנפאנג בעהאנדעלט גאנץ פריינדליך איזט אפגעזעסען איינינע נעכט מיט מיר אין זיין נאבינעט אונ האט זיך בעשפראכען מיט מיר איבער זיינעם זעליגען פאטער. איבער זיין לעבען אונ איבער זיין טויט. אונ נאכהער איבער מאנכע דאמאשנע זאכען. אונ נאכהער אלס ער האט אוים געפארשט פון מיר וואס וואר אים נייטיג צו וויסען. אונ האט אן געהייבען צו ראספראזייען זיך מיט דער ווירטשאפט. וואר זיין ערסטע זאך צוא פערקלענערען דעם פערזאנאל (דיא צאהל פון דיא מענטשען) פון דעם הויף. אום צוא פערקלענערען דיא הוצאה, צום ערסטען האט ער אנטלאסען דעם הויפיגער וואס האט געהאט חוץ טיש פינף הונדערט רובל אייאר געהאלט. אונ מיט אים האט מען שוין ארוים געטריבען פון הויף דרייא פסארנעס מיט דרייסיג הינט. דאס גלייכען האט ער ענטלאסען דעם פראוולאיעסצע וואס וואר איין פרייער פיסטענער מענש וואס האט גיהאט חוץ ארדענאריא טויזענד רובל אייאר געהאלט ביי דעם פאטער אונ האט דארט געוואונט אין הויף מיט דער פאמיליע. אונ האט גימאכט אן שטאדט אים איין געוויסען לייב אייגענען גראכאוו איין העכסט אונוויסענדער קערעל נור איין העכסט בויקער יונג. אונ באלד דארויף האט ער געלאזט זאגען שוין דעם דאקטאר. דאס ער זאל זיך ארום זעהען וועגען איינע אנדערע שטעלע. דען אין אפאר חדשים ארום וועט ער אפ פירען דיא מוטער קיין איטאליען. אונ אליין פאר זיך ברויכט ער קיין דאקטאר צו האבען. אונ אזוי אויך האט ער פערקלענערט דיא קיך. אונ האט אפ גישאפט דיא פאדקוכארציקעס וואס וואר דארט. קורץ גיזאגט עס ווארען דארט פערענדערונגען איבער פערענדערונגען נאר אן איינער ענדע אונ אלץ ניט צום גוטען. מאנכע נאיאמנע

וואס



וואס ווארען דארטין ווארען ענטלאסען. אונ דיא וואס זיינען געבליבען וואר זייער גיהאלט אויף דיא העלפטע פארקלענערט. אונ פילע אייגענע זייען אפ געשיקט גיווארען אין דיא דערפער צוריק אלזוי ביינע טייערע לעזער איזט שוין קיין וואונדער דאס איך וואר שוין גענוג בעזארגט וועגען מיך. דאס הייסט דער וויסט וואס ער וועט דא פון מיר מאכען. צוואר ער האט מיך דער ווילע געברויכט אלס געהיים שרייבער. בוכהאלטער. אונ האט גיהאט גינוג אורזאך צוא פרידען צוא זיין מיט מיר. דען איך וואר ווירקליך גיוואקסען ספאסאבני צוא דיזע ביידע פונקציאנען (דאלזנאסטען). אונ ער וואר ווירקליך צו פרידען מיט מיר. דען צו האלטען אזוי איינען וויא איך אלס נאיאמנעם וואלט אים דארפן קאסטין טויזענד רובל אייאר. אונ מיר האט ער דאך דער ווילע ניט אגראסין גידארפט געבין. ביי אלעם דעם האב איך קנאפ צוא טרויען גיהאט צוא זיינעם גונסטען (מילאסט) דען ער וואר איין ביטערער מענש. העכסט גייציג. מיסטרויעט (נעדאוויערציווע) אונ דער צוא נאך העכסט ליידענשאפטליך (אבעל תאוה) אונ דיזע לעצטע שוועכע (סלאבאסט) זיינע וואר דיא קליפע (דער שטיין) אן וועלכע איך האב הארט אן גישטויסין. אונ בין גיווארין העכסט פעראונגליקט וויא איך וועל עס באלד דער ציילען.

אין דיזער צייט וואר ביי דער גרעפין איין דיינסטעס קאמער מיידכען לעאנארע. זיא וואר שיין איבער דיא מאסען. קלוג געשיקט. אונ העכסט קאקעט (ליבליך) איהרע צוויא פייעריגע אויגין אונ דער צוא איהר ווייכער מונד ווארען אין שטאנד צוא ענטצינדען אונ צו ערגליהען זעלבסט איין קאלטעס הערץ גישווייגע (פשיטה) שוין דאס הערץ פון דעם דיזעם נאווארקין וואס וואר גאנץ עמפפיינגליך (שפאסאבנע) פאר ליבע נון וואר עס וויא גיזאגט איין אונאויסלעסליכער פונק אויף איינעם טרוקענעם צונטער. ער האט זיך אין איר פערליבט ביי זיינעם

ערסטין

ערסטין בליק. אונ האט עס איר גילאזט זייער שטארק מערקען. דורך ווארטע אונ דער צוא נאך אויך גינוג דעם גראסין גיבאטין. עס וואר אבער פערלארענע מיהע. דען ער וואר אבגעוויזען פון איר (ענטזאגט) אויף דעם דייטשען מאניר „איך בין קיין פיילעם (פאדלע) מיידכען האט זיא אים גיענטפערט“ אונ ווען זייא ווערדען זיך וואגען צום צווייטין מאל מיט אזו איין אנמוטהען מיך ווערדע איך זיא אוים קלאגין בייא זייער מוטער. אונ ווען דיזעם ווירד אויך ניכט פרוכטען (ווירקען) ציהע איך אפ פאן היר“:

דיזע אנטווארט איהרע וואס וואר גראדע דער געגענזאץ (היפך) פון דעם וואס זיא האט אים גישיינט צו זיין. דען ערסטינס וואר איר צוא לעזען אין איהרע אויגין דאס זיא בעזיצט (האט) איינע גרויסע געפאלזוכט (דאס הייסט זיא וויל זיך מאכען גיפעליג יעדען מאנס פערזוין) אונ צווייטינס האט ער אן גימערקט דאס זיא שטייט מיט מיר אויף איין העכסט פערטרויטען פוס. האט אים זייער אויפגערעגט (אויפגערידערט) בעטריבט. אונ גימאכט פערדריסליך אויף מיך וויא אויף איינעם נעבענבוהלער (אויף איינעם צווייטען ליבהאבער). אונ אלם ער האט זיך נאכהער איבער צייגט (אבליצעט) דאס איך בין עס ווירקליך. דען וויא דיא ווארהייט צוא זאגין ווארען מיר העכסט פערליבט אין איינאנדער שוין פון פריהער. דאס מיר האבין שוין פראיעקטירט איבער איינע פלוכט (אנטלייפונג) נאך פרייסין אום צוא פערהייראטהען זיך דארט אלם יודען. וואר ער העכסט ערבייזט איבער מיך. אונ האט זיך אלזוא בעשלאסען צו ווערען לויז פון מיר אונ מאכען מיך צוא גלייך העכסט אונגליקליך:

„הערע וואלקאוו“! האט ער זיך אפ גירופין צוא מיר אין איינעם אווענד איך האב דיך שוין ניט מעהר נייטיג אין מיינעם גאבינעט. אלזוי וויל איך דיך פאר אשרייבער מאכען בייא דעם נייעם גראבאווען. דאס הייסט בייא דעם נייעם פראוולאיעסצע וואס קען ניט שרייבען. אונ וועל דיר געבין פינף רוביל אמאנאט גיהאלט

דוא



דוא וועסט זיין בייא אים אויף קוואטיר. אונ וועסט אומפארען מיט אים איבער מיינע גיטער“ געזאגט גיטאן. אויף מארגען וואר איך אפ געשיקט צוא אים אין זיין קוואטיר וואס וואר אוויארסט פון הויף. אונ יענער האט מיך בעהאנדעלט ניט בעסער אלם איינעם פראכטען ציוואן. האט מיך איבער הויפט בעארבייט איבער מיינע קרעפטען. איך האב מאנכע לאנגע ווינטער נאכט גימוסט פערברייננגען בייא דעם אוים מעסטען פערקויפטע געטריידע. בייא דעם אוים ציילען דיא קעז. בייא דעם אוים וועגען פוטער. פלאקס אונ דאס גלייכען. אונ בין דער צוא זייער שלעכט בעקעסטינט געווארען דען איך האב געזעסען צוא זאמען מיט דיא פאראבקעם. אונ גישלאפען אין פעקערנע אונ האב קיינע פראייהייט געהאט ניט איינע שטונדע אריבער צו גיין אין הויף צוא זעהען זיך מיט דער לעאנארע. מיט דעם דאקטער. מיט דעם פערעץ. דען אזוי וואר דער בעפעהל פון דעם נייען הערען נאווארקאוו.

דאך טראץ (פראטיוו) אלע דיזע הינדערניסע (מניעות) האט דיא ליבע געפונען איר וועג. דען דיא לעאנארע פלעגט מיך זייער אפט בעזוכען אין דיא מיטער נעכטע. אלם דיא גרעפען פלעגט איינצושלאפען. מיר פלעגען אונז צוא זעהען אין דאס הויז פון איינעם בענאכבארטען (נאהענטען) בויער. מיר פלעגען אריין צוא וויינען זיך הייסע טרעהרען איינאנדער אין אונזער אויגען אונ ריידען אונ פלאנירען ווייטער פון איינער פלוכט (אנטלייפונג) אונ אלם דער נאווארקען האט דער פון אויך ווינט בעקומען (געוואר געווארען) האט ער געלאזט מיך רופען צוא זיך אונ האט מיר געזאגט מיט איינעם פינסטערען געזיכט „הערע וואלקאוו“ איך בין געקומען אויף דער שפור (געוואר געווארען) דאס דוא האסט געהיימע קאנטאקטען מיט דער לעאנארען. אונ מיינסט פערגעוויס דאס דוא וועסט זיא הייראטהען. זאלסט דוא וויסען דאס דוא וועסט עס ניט אוים

פידרען

פיפרען . דען דוא ביזט מיינער איין ליב אייגענער (אפאדאנע) אלזוי טארסט דוא ניט זיך פערהייראטהען מיט איינעם פרייעם מיידכען . און אום דיזען ליידיגען (פוסטען) ליבעס האנדעל צוא אונטער ברעכען (פערעקראסציען) מוזט דוא דיך אונגעזאמט פערהייראטהען מיט דער צאפקען דיא טאכטער פון דעם הויפיגען פאסטוך . און מיין ווילע איזט איין געזעץ דען איך בין דיין פעהר וואס האב רעכט צו צווינגען דיך דער צו :

וויא אויך דאס האט מיך געקריינקט אין העכסטען גראד . האב איך דאך מיין פערשטאנד דער בייא ניט פערלארען אום דער בייא צוא שווייגען . בין אוועק פון אים און בין אריין צום דאקטאר וואס האט אים ניט ווייניגער געהאסט אלס איך . איך האב אים דער ציילט וויא ווייט עס האלט מיט מיר „ניין מיין קינד" האט זיך דער דאקטאר אבגערופען „זייא אונבעזארגט „ער וועט געגען דיך גאר ניסט אוים פיהרען דען ער האט נאה ניט וואס צוא שאפען איבער דיך . נור פריהער מוזען מיר אונז זעהען מיט דעם פערעץ . און דיזעס מוז שוין געשעהען" באלד דארויף האט ער געלאזט איין שפאנען איין פערד און מיר זיינען אריבער געפארען צוא דעם פערעץ . מיר ווארען בייא אים גוטע געסט . און אלס מיר האבען אים מיט געטיילט דיא גאנצע געשיכטע . איזט ער געווארען רויט וויא אפייער גלוט פון גרוים צארען אויף דעם נאווארקען און האט אויף אים אויס גערעט וואס אין קארט שטייט" איך וועל דיזען טיראן מאכען העכסט אונגליקליך" האט ער זיך אפ גערופען „איך וועל אים אויף ווייזען באלד דאס ער האט אין זיינע גיטער פיל נעלמים . און דאס ער האלט בייא זיך דיא בייעגלע סאלדאטען אין זיינע דערפער וואס ער האט זייא געמאכט פאר זיינע פאנסציאניקעס און זעלבסט דיך וואלקאווען האלט ער וויא מיר ווייסען ניט זאקאנע בייא זיך דען דוא ביזט גאר איין סאלדאטסקער זין . איך וועל אים צום בעטלער מאכען"





און נאך העהר אלס ער האט אוים געטאבט (אוים געלארעמט) האט אים דער דאקטאר געוויזען אפאפיר וואס וואר פערצייכענט אין אים דיא דאטע אין וועלכע מען האט מיך געפונען אין וואלד און דער נאמען פון מיינעם פאטער און דיא דאטע ווען ער איזט אוועק פאר אסאלדאט און אלס ער האט עס דורך געלעזען האט ער זיך אפ גערופען צוא מיר אזוי „הער צוא מיין קינד . מיר קענען דיך זייער לייכט פון דיזען טיראנען בעפרייען . נור מיט דעם בעדינג (בתנאי) דאס דוא זאלסט וועלען איין סאלדאט ווערען און אנדערס קען עס ניט געשעהען . איך וועל אן געבען דאס דוא ביזט איין סאלדאטסקער זין אלזוי וועט מען דיך באלד אפ נעמען פון אים און דוא וועסט מוזען אריין טרעטען אין וואיענע דינסט . און דוא זאלסט עס וועלען . דען טויזענד מאל בעסער איין סאלדאט צו זיין אלס איין אייביגער ליב אייגענער אונטער אזוי איין טיראן . און דיר וועט אין שלוזבע גאר ניט שלעכט זיין . דוא וועסט ווערען באלד שטארסע שרייבער און וועסט זיך דער דינען און וועסט העכסט גליקליך זיין . און צווייטענס איזט איינעם ערליכען מאן קיין מאל שלעכט אין שלוזבע . און בפרט נאך איצונד פאר דעם היינטיגען קייזער . און וואס עס אנבעטרעפט (נוגע) צוא דיינעם ראמאן . איזט עס אין גאנצען נור איין חימערע (אדמיון) דוא ביזט יודע און זיא איזט קריסטין איך האלט ניט דער פון דער צוא נאך לייפן איבער דיא גרענצע"

זיין ראט איזט מיר געפעלען . דעם דאקטאר אויך . מיר האבען ביידע איינגעשטימט דער צוא און אויף מארגען האט שוין דער פערעץ צוא רעכט געמאכט און אב געפערטיגט (אמפראוועט) דעם גאנצען דאנאס אויף דעם נאווארקין אין דער רעקרוטסקע קאמיסיע וואס איזט אין ניזנע . ער האט עס זייער גוט בעארבייט מיט טיכטיגע (רעכטע בעווייזע) . דען ער

וואס דער פערעץ האט אנגעגעבין און אין דיזע זעקס
וואכען בין איך אויס געשטאנען גרויסע ליידען פון דעם
נאוואַרקין. דען ער האט מיך געצוואונגען דאס איך זאל
ניט אנדערש וויא נעמען דיא סאפקען ודעם הירטם טאכטער.
און עס וואר מיר מיינע לאגע פון טאג צו טאג אזוי ווייט
פערשלימערט דאס איך האב בעשלאסען ביי זיך ניט אנדערש
וויא צו אנטלייפען. און האב מיך שוין זייער גוט פערפערטיגט
דער צו. עס האט נימאנד געוואוסט דער פון מער ניט וויא
דער דאקטאר און זיינע פרויא וואס זייא ווארען בלוטפיינדע
פון דעם נאוואַרקין. ביי זייא האב איך געהאלטען דאן מיין
גראסען מעהר אלם צווייא הונדערט רובל. און שיינע קליידער.
איך האב מיר פערשאפט אגוטען שפעטעל. אפאם האב איך
געהאט אהויפיגען אויף איין אנדער נאמען „מאלאחיטאן“. מיט
דיזען פאס פלעגט מען מיך שיקען זייער אפט אין גובערניע אויף
פאקופקעם. מיט דיזען פאס פלעג איך צוא פארען מיט מיינע
הערשאפטען אין וועג. און מיט דיזען פאס האב איך געוואלט
פליכטען (אנטלייפען) אונד דיא האפענונג פון מיינעם פערהייראטהען
זיך מיט דער לעאנארע האט זיך ווידער אויפגעוואכט אין
מיינעם הערצען. און וואר שוין אין בעגריף (בדעה) עס
מיט צוא טייהלען איר אום זיא זאל זיך מאכען פערטיג צוא
בעגלייטען מיך אויף מיינער אונגעוויסע און געפעהרליכע
רייזע. און האב שוין פון הערצען געוואונצען דאס עס זאל
פון דיזעם דאנאם גאר ניסט ווערען. דען עס וואר מיר שוין
באנק (שרעקליך) פאר דעם געדאנקען צו ווערען סאלדאט.
אין דעם אלם איך וואר אזוי בעשעפטיגט מיט דיזען
פלאן. האב איך דער הערט איין פאצטאווען גלאק. איך וואר
דאן ביי דעם דאקטער אין שטוב. מיר האבען אונז אלע
ארויס געהאפט צוא זעהען ווער עס איזט געקומען. דען
אפאצטאווער גלאק אין ארוסישען הויף איזט פון פיל מעהר





וואר איין גרויסער שרייבער און אגרויסער זאקאניק. און וואר
אלזוי ביי זיך העכסט זיכער דאס דער נאוואַרקין וועט
האבין גענוג פאר דאס זייניגע. און ביי אלעם דעם בין
איך אומגעגאנגען איין העכסט געקריינקטער. ערסטענס האב
איך מיך געשראקען פאר דעם סאלדאטען דינסט. צווייטענס
וואר מיר העכסט שמערצליך וועגען מיין ראמאנס מיט דער
לעאנארע. ווייא אויך ער (דער ראמאן) וואר גראדע גאנץ
געגען דעם וואהרען און געזונדען מענשען פערשטאנד. דען
עס וואר וויא דיא ווארהייט צוא זאגען איין וואהרער וואנזין
(משוגעת) צוא וועלען זיך פערבינדען מיט איינער קריסטליכע
קאמער מיידכען. און צוא פליהען מיט איר דאריבער איבער
דיא גרענצע אים איר דארט פאר איינע אידין צו מאכען. וואס
דיזעם איזט פערבונדען איך מיט שווירינ קייטען און געפאהר.
ביי אלעם דעם וואר מיין הערץ איהר העכסט ערגעבען. און
הערץ און קאפ זייען גאר צוויא בעזונדערע זאכען וואס זייען
אין איינעם אייביגען שטרייט (מלחמה) און על פי רוב זיגט
(מנצח) דאס הערץ. דאך ביי מיר ווארען מיינע אומשטענדע
(אבסטאיאטעלסטוועס) פיל מעהר גינסטיגער (געניינטער) דעם
פערשטאנד אלם דעם הערצען מיינעם. און האב מיך אלזוי
געמוזט פון איר ענטזאגען וויא איך וועל דא באלד דער צייהלען
אין דעם ווייטערדיגען קאפיטעל:

## 10

### „דער סאלדאטען דינסט“

וויא אויך דיזער דאנאם וואר געשריבען העכסט
פראווילנא. און גאנץ סעקרעטנע ביי אלעם דעם האט
גענוערט מעהר אלם זעקס וואכען דען עס וואר דער ביי פילע
און שווערע אפראווקעם צוא מאבען פון מאהליוער גובערנע
און פון נאך אנדערע פריסוטצוועם וועגען דיא בעגלע סאלדאטען

נייַעקייט אַלס אייַנע שאַלענדע (לאַרעמענדע) מוזיקע אין אייַנעם קליינעם שטעדטכען · אונ לײַדער האָב איך דער זעהען וואס איך האָב שוין ניט געוואונצען צוא זעהען . איך האָב דער זעהען אַזוא איין זאַך וואָש האט מיר מיין הערץ אַיין גערִיסען . עס זיינען אָן גיקומען באַלד איינער נאָך דעם אַנדערין מער אַלס עטליכע פּאַצטאַוע בריצקעס וואס זיינען גיזעסין אין זייא דער שפּראַווניק . אייניגע צלענעם פון דער רעקרוטסקע קאָמיסיע . אייניגע וואָיענע שרייבער אונ עטליכע זאַנדאַרמעס . מיין הערצעלע האט מיר באַלד גיזאָגט דאס מען איז דא גיקומען מכּח מיר . אונ אַזוי וואר עס אין דער ווירקליכקייט .

דער שפּראַווניק איז אַריין צו דעם נאַוועָרקין מיט איין פּאַפּיר וואס אין אים וואר שוין ערקלערט וואס זייער קומען איז · ער איז גיוואָרין בלייך ווייא אַטוך · אונ באַלד דאַרויף איז דאָרטין גיוואָרין אַקאַמיסיע וואס האט גימאַכט גרויסע סלעדסטוועס איבער שלעדסטוועס · נור איך וויל דער פון ניט פיל שרייבין איך וועל נור זאָגין אין קורצין · דיא קאָמיסיע האט דאָרטין גידויערט מער אַלס פיר וואָכין · אונ עס האט זיך גיענדיגט דער מיט דאס עס זיינען אָפּ גיפירט גיוואָרין פון דאָרטין צעהען פּערזאָן געשמיט אין קייטין אַלס ביענגלע סאָלדאַטין · אונ איך בין אָפּ גיפירט גיוואָרין לויז אום צוא שטעלין מיך צום פּריאָם אַלס סאָלדאַטסקע סין .

מיין שיידין זיך פון דאָרטין וואר העכסט טרויעריג · דען איך וואר העכסט גיליבט פון אַלעמען · מער פאַר אַלעמען האָבין ניוויינט אום מיך דער קוכער אונ דיא קוכאַרקע וואס זייא האָבין מיך געליבט ווייא איין אייגענעש קינד · איך האָב מיך גיוואָלט זעגענען מיט דער גרעפין האט מיך דער זון ניט צוא גילאָזין · דאס גלייכין האָב איך ניט גינומען קיין אָבשייד פון דיא לעאָנאַרען . דען דער נאַוואַרקין האט איר ענטלאַסען (אַוועק גילאָזין) אין דעם זעלבּיגין טאָג וואס עס איז גיקומען דיא קאָמיסיע דען ער האט אין איר איין גיזעהען דיא וואַרע אורזאַכע פון דיזען פּראָצעס אונ איז

אוועק



אַוועק דאַן פון הויף אַלס איך בין גיוועזין מיט דעם פּראַוולאַיעסצע אַמייל צעהען פון הויף · דיא אייִנציגע וואס האָבין מיך בעגלייט וואַרין דער פּאַרעץ אונ דער דאָקטער · האָבין מיר אַיין גיפלאַסין מוטה · אונ גיטרייסט דאס דיא סלוזבע וועט מיך פירין צוא איינעם גליק · זייא האָבין מיך בעלייט אַמייל דרייא · אונ דאַן האָבין זיי זיך שוין אויך גישיידעט פון מיר מיט דער פאַר שפּרעכונג דאס מיר זאָלין שרייבין בריף איינער צום אַנדערין .

מיין רייזע אין דער גובערניע וואר ניט צוא פוס דען איך בין מיט דער קאָמיסיע צוא זאַמען גיפאָרין . דאס הייסט מיט דיא שרייבער . אונ האָבין מיר אַזו גאַר באַלד פאַר שפּראָכין אַריין צוא נעמען מיך אין זייער קאַנצעלאַריע · דען איך האָב מיך שוין אין דיזע צייט וואס זייא וואַרין אין הויף שוין בעקאַנט געמאַכט מיט זייא . אונ האָבין געהאַט אַלזוי געלעגענהייט צוא צייגען זייא מיינע געשיקליכקייט אין שרייבין אונ אין רעכענען . אונ אַזוא וואר עס ווירקליך גישעהען . באַלד נאָך דעם ווייא מען האט מיך אָפּ גיגעבין האט מען מיך אָב גיפירט אין דיא גאַרניזאָנסקע קאַנצעלאַריע . וואס האט דאַן גיהערט צוא רעקרוטסקע קאַמיסיע . איך האָב דער וויסט דאָרטין מער אַלס צוואַנציג שרייבער · דר גרעסטער טייהל פון זיי וואַרין העכסט אום וויסענד . וואַרען נור גוטע איבר שרייבר . אונ האָבין ניט פאַר שטאַנען צוא סאָצעניען אַליין ניט איין ציילע (שורה) אונ וואַרין דער צוא נאָך דורך גיינגינג (בכלל) ערגעבין דעם טרונק . בפרט נאָך אום זונטאַג . אונ אין אַנדערע פּראַזניקס אונ פלעגין דר פר זייער שטאַרק אונ זייער אָפט ווערן באַשטראַפט . דער פאַר אָבער וואר דער שטאַרסע פּיסאַר איין וויכטיגער מענטש איין גוטער רוסע (דאס הייסט זייער גוט רוסים פאַר שטאַנען) אונ דיעלענער מענטש מיט אַגוטין קאָפּ אונ העכסט ניכטער · אונ וואר דאַהער העכסט געליבט אונ געאַכט ביי דעם פּאָלקאָווניק . וואס וואר איין העכסט בראַווער מאַן . ער (דער שטאַרסע פּיסאַר) וואר ביי אים (ביי דעם פּאָלקאָווניק) ווייא צו זאָגין פּראַווע רוקא

און דאהער האט ער אים גימעדלעוועט (פערצויגין) זיין אסטאוואקע גאנצע צווייא יאר און האט אים דער פאר גוט גילוינט פון זיין אייגענע קעסענע . ווייל ער האט ניט גיהאט קיין אנדערין אן שטאט אים . אלזוי וואר שוין דארטין דאן גינוג גילעגינהייט פאר איינעם פעהיגען (שפאסאבנעם) מענטשין אום זיך דארטין אויס צו צייכענען . און איך האב מיט דר נעטליכע הילפע דיזע גילעגינהייט ניט פאר זאמט . דען איך האב מיר דארטין באלד אויס גיקראמט (ארויס גיוויזין) מיט אלע מיינע קענטניסע . מיט מיינע זיטליכקייט ניכטערנהייט און מיט מיינער אונבעדינגטען (נעאוסלאוונעם) געהארזאם (פאסלושנסטווא) און בין אלזוי גיווארין באלד איין ליבלינג פון דעם שטארסע פיסאר (אסיפאוו) דאס ער האט מיך פאר גישטעלט זייער גוט פאר דעם פאלקאווניק . און אין פאר לויף פון פיר מאנאטין אלס איך האב דורך גינומען דעם גאנצין חאד דיעלע פון דער קאנצעלאריע . און האב גיהאט גינוג גילעגינהייט צוא ציינען פראבען פון מיינעם וויסען . פון מיינער לאוקאסט .
און וויא ווייט איך בין שטאנדע צוא סאצעניען אפאפיר דאס איך שטייג נאך איבער אין דעם דעם שטארסע פיסאר דאס איך בין שוין אין העכסטין גראד שפאסאבנע צוא פאר טרעטין זיין שטעלע האט ער באקומען זיין אסטאווקע און איך בין גיווארין שטארשע פיסער אן שטאט אים . און בין גיווארין בייא דעם פולקאווניק פיל מער וויכטיגער און גיאכטער אלס ער און עס איז קיין וואונדער . דען ער האט נור פאר שטאנען דעם נאקעטען קאנצעלערישען סטיל (סלאג) איך אבער וואר בעלעזין אין דר רוסישען ליטעראטור (גילערינטע ביכער) און דער צוא נאך האב איך זייער גוט פאר שטאנען און צוא גלייך גישפראכין דייטש און פראנצויז . דער צוא נאך האב איך זייער גוט פאר שטאנען מאטעמאטיק . געשיכטע . געאגראפיע . גישפילט זייער שיין פארטע פיאנע . און האב גיהאט איינע בארסקע ערציהונג . און וואר אלזוי איין מאן פון באן טאן (פון גוטין בענעהמען) דאס איך האב מיך גיקענט גיפינען זעלבסט

אי



אין דער שענסטע גיזעלענשאפט . זעלבסט אונטער פארנעהמע דאמען וואס עס האט מיך דער צוא עמפפוילען (רעקאמאנדירט) מיין שיינער רונדער וואוקס און מיין גליקליכעם גיזיכט . און פלעג דאהער אימער צוא זיין איין גוטער גאסט בייא דער פולקאווניצע אלס איך פלעג קומען אהין מיט ראפארטין אדער גירופין ווערין וואס נייטיגעס צוא שרייבין .

זיא וואר איינע שיינע יונגע דאמע . הויך גיבילדעט . און פלעגט אלזוי אונטער דעם פארוואנד (אוים רייד) צוא האבין איינע גילעגינהייט צוא שפרעכין פראנצויז . און דייטש . צו פר פלוידערין מיט מיר מאנכע שטונדע . און פלעגט מיר דער בייא טראקטירין זייער שיין . זייער אפט פלעג איך צוא פריסטיקין דארט . אויך האט זיא איבער גינומען בייא מיר מאנכע מאזורקעס און קאדרילין אויף דעם פארטע פיאן . אויך פלעגט זיך צוא מאכין אזעלכע שרייבעריי זייער אפט דאס איך פלעג בייא דעם פולקאווניק נאכטין און עסין דארטין אבינד ברויט . קורץ געזאגט איך וואר דארטין איין הויז מענטש . און איין נוצליכער הויז מענטש מיט דעם גרעסטין צוא טרויען צוא מיר . און עס וואר מיר טויזינד מאל בעסער אלס בייא דעם גראפין אין יעדער הינזיכט . דען אויסער דעם וואס איך וואר שוין דא גיוועזן זיכער מיט מיינער פרייהייט . וואר איך דא גיהאלטין אויך אין עהרען . און האב מיט דר צייט זייער גישמאק פאר דינט דעם רוביל אויף דעם ערליכסטין ארט . ערסטינס וואר איך דר שרייבער פון אלע קאנטראקטין וואס זיינען גימאכט גיווארין מיט פאדראציקעס . צווייטינש איז דורך מיין האנד דורך גיגאנגען דיא אסטאווקעס דיא פריסטאוולענעס אויף צינען . אויף נאגראדעם אויך בין איך גיווארין אגרויסער קענער פון דעם וואיענעם אוסטאוו און וואר אלזוי גיצויגין צום ראטה אין מאנכע וואיענע דיעלעם זעלבסט פון אפיצירין . און פון פריוואטנע מענטשין . און וואר צוא גלייך זייערע פראזבע שרייבר . און דיזעם אלעם וואָרין ניט אום זיסט . אגאנצע וואך וואר איך העכסט באשעפטיגט מיט

קאזאנע

קַאזָאנֶע זַאכִין מִיט פְּרִיוָאטְנֶע זַאכִין אוּנ וַואר פְּרַייא (לְבַד אֵיינִיגֶע שְׁטוּנְדִין אוּם שַׁבָּת וִויא אִיךְ וָועל וַוייטֶער שְׁרַייבִּין) אַגַאנְצִין זוּנְטָאג ;

**11**

„אֵיינֶע קְלֵיינֶע בֶּעשְׁרַייבּוּנְג פוּן דֶעם ר׳ הֶערְשׁ פֶּערְסְקֶע אוּנ פוּן זַיין הויז„

דִיא עֶרְשְׁטֶע צְוֵייא מָאנַאטִין פוּן מַיינֶעם זַיין אִין דֶער גוּבֶּערְסְקֶע שְׁטָאט נִיזְנֶע נָאוָואגָארָאד וַואר אִיךְ נָאךְ אַלְס הֶעכְּסְט בֶּעזָארְגְט וֶועגִין מַיינֶער צוּא קוּנְפְט (בּוּדֶעסְנָאסְץ) . אוּנ אַזוֹא גָאר הַאלְבּ צוּא שְׁרָאקִין . עֶרְשְׁטִינְס הָאט אוֹיף מִיר גִימַאכְט אַיין שְׁלֶעכְטִין אַיינְדְרוּק דִיא שְׁטְרֵיינְגֶע בֶּעהַאנְדְלוּנְג אוּנ דִיא בְּלוּטִיגֶע בֶּעשְׁטְרָאפוּנְג פוּן דִיא אִיבֶּערִיגֶע שְׁרַייבֶּער וָואס וַוארִין נַאקָאזֶעוֶועט כִּמְעַט אַלֶע וָואךְ פַּאר פְּיַאנְסְטְוָוא אוּנ גִישְׁלֶעג . אוּנ אַמָאל וִויא דִי וַוארְהַייט צוּא זָאגִין נוּר אוֹיס הוֹילֶער לוּינֶע (שִׁגָעוֹן) פוּן דֶעם אוּידִיטָאר אוּנ הָאבִּין זִיךְ אַלְזוֹי שׁוֹין נִיט גִירִיכְט אוֹיף אֵיינֶע בֶּעסֶרֶע בֶּעהַאנְדְלוּנְג דֶעם צְוֵייטֶענְס וַואר מִיר אִין אָן פַאנְג זֵייעֶר שְׁוֶוער אוּנ שְׁקוּצְנֶע צוּא זִיצִין דֶעם גַאנְצִין טָאג בַּייא דֶער אַרְבַּייט אוּנ אוֹיס פוּרְכְט דָאס אִיךְ זָאל מִיךְ נִיט פַאר זַאמֶען וֶוען אִין נַאס הָאבּ אִיךְ מִיךְ נִיט גִיוַואגְט אַרוֹיס צוּא גֵיין אַטְרִיט פוּן קַאזַארְמֶע • עֶסִין פְלֶעג אִיךְ צוּא עֶסִין מַיינֶע אֵייגֶענֶע אִין אַתַארְצֶעוְונֶע וָואס וַואר דֶער בַּייא . דֶען אִיךְ וַואר גֶעוואוינְט צוּא פִיל בֶּעסֶערְס אַלְס צוּא סָאלְדַאטְסְקֶע קֶעסְט . אוּנ הָאבּ דַאהֶער דִיזֶע גַאנְצֶע צַייט שׁוֹין נִיט גִיוואוּסְט וִויא דִיא שְׁטָאט זֶעהֶעט אוֹיס . אוּנ נָאךְ הֶער אַלְס אִיךְ בִּין דָארְט גִיוָוארִין הַיימִישֶׁער אוּנ בַּאפְרַיינְדֶעטֶער מִיט מַיינֶע נַאצַיילְסְטְוָוא . אוּנ הָאבּ מִיךְ שׁוֹין עֶרְלוֹיבְּט אַרוֹיס צוּא שְׁפַּאצִירִין אִין שְׁטָאט וַואר מַיינֶע עֶרְסְטֶע בַּאגֶעגְנֶעס אַאִיד . עֶר וַואר צְוַואר רַייךְ גֶעקְלֵיידֶעט . מִיט אַגָאלְדֶענֶעם מֶעדַאל אוֹיף דֶעם הַאלְדְז בַּייא אַלֶעם דֶעם הָאט זִיךְ מַיין הַארְץ אוֹיף גִיטוּיהט (ערוְוארעמְט) בַּייא



מַיינֶעם עֶרְזֶעהֶען אִים אַלְס אִיךְ וָואלְט דֶער זֶעהֶען מַיינֶעם אַבְּרוּדֶער אַם וַוייניגְסְטִין אֵיינֶעם בַּאקַאנְטִין וָואס קוּמְט אוּם צוּא גִירִיסֶען מִיךְ פוּן מַיינֶער הַיימַאט (הַיים) וָואס אִיךְ הָאבּ אִיר שׁוֹין לַאנְג אוֹיס גִישְׁוִויצְט (פַּאר גֶעסִין) . אוּנ הָאבּ זִיךְ שׁוֹין דֶער בַּייא דֶער מָאנְט אָן מַיינֶע עֶלְטֶערִין וָואס וַוארִין מִיר אֵיינְסְט (אַמָאל) אַזוֹי טַייעֶר אַזוֹ לִיבּ . אוּנ דֶער צוּא נָאךְ דָאס אִיךְ בִּין אַיין אִידֶעם קִינְד . אִיךְ הָאבּ מִיר דֶר מָאנְט אָן מַיינֶעם גְלוֹיבִּין וָואס אִיךְ הָאבּ אִים פַר נַאכְלֶעסִיגְט (אָפּ גִילָאזִין) אַזוֹ פִיל יָארִין . דִיזֶע אַלֶע הֵיילִיגֶע עֶרִאינֶערוּנְגֶן הָאבִּין מִיךְ אַזוֹ וַוייט עֶרְגְרִיפֶען . אַזוֹא וַוייט אוֹיף גֶערֶעגְט (אוֹיף גִיוֶועקְט) דָאס מַיינֶע בֵּיידֶע אוֹיגִין זַיינֶען גִיוָוארִין פוּל מִיט טְרֶערִין . אוּנ מַיין גֶעמִיטְה מִיט דֶעם גְרֶעסְטִין צוּא טְרוֹיעֶן צוּא דִיזֶעם רַייכִין אוּנ גַאנְץ אוּם בֶּעקַאנְטֶען אִידִין . דָאס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גָאר נִיט גִינוּמֶען אוּוַאזֶענִיֶע (אַכְטוּנְג) אוֹיף זַיינֶעם רַייכִין אָן צוּג (קְלֵיידוּנְג) אוּנ מֶעדַאל אוּנ הָאבּ צוּא גִיטְרָאכְטִין צוּא אִים גַאנְץ דְרַייסְט (בָּאדְרֶע) וִויא צוּ אֵיינֶעם אַלְטִין בַּאקַאנְטִין פוּן מַיינֶעם גְלַייכִין אוּנ הָאבּ אִים גִיגְרִיסְט אִין דֶער דַייצֶעשֶׁע שְׁפַּראכֶע . דֶען דֶעם אִידִישִׁין זַארְגָאן הָאבּ אִיךְ שׁוֹין פֶערְלֶערִינְט (פַּאר גֶעסִין) „זַייט מִיר גֶעגְרִיסְט לִיבֶּער הֶערְר„ הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָפּ גִירוּפִין צוּא אִים רַייכֶענְדִיק (דֶרְלַאנְגֶענְדִיק) אִים דִיא הַאנְד מַיינֶע זַייט מִיר גֶעגְרִיסְט אַלְס גְלוֹיבֶּענְס גֶענָאס (בֶּן בְּרִית) דֶען אִיךְ בִּין אוֹיךְ יוּדֶע אוּנ הֶעבְּרֵייעֶר וִויא זִיא זִינְד . זִיא קָאמֶען גְלוֹיבֶּע אִיךְ פָאן אָבֶּענְדְלַאנְד (זַאפַאדְנֶע גוּבֶּערְנָס) וואו דִיא אִידִישֶׁע גִימֵיינְדֶען וָואהְנֶען . נוּן זָאגִין זַייא לִיבֶּער פְרַיינְד וִויא פַּאסִירְט עָס דָארְט מִיט אִיהְנֶען (מִיט זַייא) אוּנ פוּן וֶועלְכֶער גוּבֶּערְנֶע זִינְד זִיא זֶעלְבְּסְט דֶען אִיךְ בִּין אַיין קִינְד פָאן דֶען דָארְטִיגֶע יוּדִין . אִיךְ בִּין עֶנְטְרִיסֶען גִיוָוארִין פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערֶען אִין מַיינֶע צַארְטֶעשְׁטֶע יוּגֶענְד . אִין מַיינֶעם זִיבֶּענְטֶען יָאר . אוּנ מַיין שִׁיקְזַאל (מַעֲרָכָה) וָואס וַואר בִּיז אִיצוּנְד הֶעכְסְט שְׁטִירְמִישׁ הָאט מִיךְ פֶערְוֵוייהֶעט בִּיז הִיר . אוּנ פוּן דַאן אָן זִינְד זִיא דֶער עֶרְשְׁטֶע הֶעבְּרֵייעֶר וָואס אִיךְ צוּא זֶעהֶען בֶּעקוּמֶע, „אִיךְ בִּין אוֹיס וַואלִינֶען אוֹיס זִיטָאמִיר“

האט ער מיר גיענטפערט מיט איינער פריינדליכע שטימע אונ וואוין דא שוין מער אלס צעהען יאר מיט פרויא אונ קינדער • אונ מיט דיא יודין גייט עס דארט פיל בעסער אלס פאר הער. זייא זיינען שוין פיל רייכער אונ גיבילדעטער אלס פאר הער פרייט עס מיך, האב איך אים גיענטפערט אונ האב אים דער צוא גיפרעגט צוא גיט עס ניט נאך יודין אין דיזע שטאט וואו אזו איינער וויא איך זאל האבין איינען פאר קער מיט מאנכען פאן איהנען דען וויא גיזאגט איך בין יודע נור דעם נאמען נאך דען איך וויים גאנץ אונ גאר ניכט פון דעם יודענטהום (אידעשקייט) נון וויל איך עס ערלערנען בייא מאנכען פאן איהנען (פון זייא):

דיזעם פאר לאנג איז אים העכסט טיף אריין אין זיינעם הערצין. האט מיר ווארעם געדריקט דיא האנד אונ האט מיר גיענטפערט אין איינעם העכסט פריינדליכין טאן צו דיזעם הייליגין אונ פרומען געברויך ברויכט איר קיינעם אנדערין אויסער מיך צוא האבין. מיין הויז שטייט אייך פרייא צוא פאר קערין אין זיין אלע צייט. אונ בייא מיינעם מלמד וואס איך האלט צוא מיינע קינדער וועט איר שוין דער לערנען אידעשקייט נאך פיל מער אלס איר נייטיג האט צוא וויסין לויט אייער איצטיגין שטאנד. דען ער איז איין גרויסער למדן אונ איין גאטש פארכטיגער מאן אונ וועט אייך געבין אונטער ריכט אין דיזען הייליגין (אביעקט) (פרעדמעט) מיט פריידען אן דיא מינדעסטע בעלוינונג. אונ ווען איר האט צייט קומט שוין מיט מיר דען איך גייא גראדע נאך הויזע עס וואר דאן זונטאג איין פרייער טאג. אונ האב אלזו זיין אידעלס ערביטען אן גינומען מיט פריידען. אונ בין מיט גיגאנגען מיט אים. אונ מיר זיינען באלד גיקומען צוא זיינעם קווארטיר איינע הילצערנע גיראמע אונ בעקוועמע (ווינאדנע) וואוינונג פון אייניגע צימערין. זיא וואר העכסט ריין אונ אוים גימעבלירט גאנץ איין פאך (פראכט) אפער מיט איינעם גוטיז געשמאק • האט מיך גיבעטין זיצין. מכבד גיוועזען מיט איין ציגאר. אונ האט

מיר



מיר צוא גלייך גילאדין צוא מיטאג • דען עס וואר דאן שוין ארום איינסין. אונ אלס מיר זיינען גיגאנגען צום טיש האט ער מיר פאר גישטעלט פאר זיינע פאמיליע אונ הויז לייטע וואס איך האב דארטין אין שפייז זאל דער וויסט אונ דער נאך זייא פאר מיר. עס ווארין זייערע אין גאנצין גענומען צעהען פערזאן זיינע פרויא איינע דאמע פון איאר פערציג פון שיינעם וואוקס אונ בליהענד שיין אונ פון איינעם העכסט אדעלען בענעהמען געקליידעט גאנץ איין פאך אונ מיט גישמאק. זיא האט מיר גירייכט דיא האנד אונ האט מיך אן גינומען פאר אנוטין גאסט. זיא האט גיהייסין הולדע צווייא טעכטער אונ צווייא זין. דיא טעכטער ווארין נאך יונגע מיידכען. דיא עלטערע איידאקסע (עכסה) וואר איאר זעכצען. דיא איגגערע ראזעטע (רויזע) וואר איאר דרייצען. ביידע שיין אונ בליהענד. איינע ריכטיגע קאפיע פון זייער מוטער. דיא זעלביגע ליבליכע מינען. אונ דאס זעלביגע איידעלעם בענעהמען. דיא צווייא קנאבען (אינגלאך) ווארען אינגער אלס דיא שוועסטער מאיר אונ שנייאיר. פיינע אונ געזונדע יונגען. פריש אונ העכסט געזונד. איין מלמד פון איאר פופציג פון איין ראבאנישען אוים זעהען אונ מיט איינער ערענסטע מינע (סיריאזנע) ער האט גיהייסין ר׳ יעקב נארקאט פון דובנע ווידער איין געוויסער ר׳ יאסיל אלבאטינער איין מענש פון איאר פערציג וואס וואר דארט אלס געהילפע (פאמאצניק) אין גישעפט אחקם אמענטש מיט אפעדער ארוסיסע אונ העברייעשע. איינע אידישע קעכין. אונ איין אידישער בחור אלס בעדינטער אין שטוב אונ אין וועג. אונ היינט ער אליין דער הער זעלבסט ר׳ הערש פערסקע. ער וואר דאן אלט איאר פינף אונ פערציג. ער וואר איינער פון דיא שענסטע מאנסלייט פון זיינער צייט איין בראנעט מיט איינעם שווארצין גערונדעטען בארד. איין גוטער וועלט מאן אונ איין גרויסער גישעפטס מאן. איבער הויפט וואר ער איין ראיעלער (נאדאזנער) אונ טיכטיגער (אגוטער)

פאדר אציק

פאדראציק. דאס ער האט זיך אזו ווייט אויס געצייכנט בייא
דעם קייזער דאס ער וואר בעשאנקען פון אים מיט איין מעדאל
אונ איינער זאסציטע (פריווילעגיום) דאס עס איז אים ערלויבט
צוא וואוינען אין גאנץ רוסלאנד אונ טארגעווען מיט פאדראטין
נון האט ער דארטין אין ניינע גימאכט זייער גוטע גישעפטין
האט זיך דארטין בעזעצט מיט אבזיכט אום צוא זיין ווייט פון
אידעשע פאדראציקעס וואס פאר דארבין דיא גישעפטין דורך
זייער גרויסין קאנקארענט (זיינען מקפח פרנסה) אונ בלייבין
הינטער שטעליג. ער איז גיווארין דארטין זייער רייך דאס עס
איז שוין דאן גילעגין מער אלס צווייא הונדערט טויזינד רוביל
אין זיינע באנק. אונ עס וואר אים דיזעס גאר ניט אן צוא זעהען
(מען האט עס ניט גימערקט) דען ער האט זיך געפירט גאנץ
איין פאך. אונ האט זיך נאך גימאכט דער צוא העכסט בעליבט
בייא דיא רוסין. דען וויא דיא ווארהייט צוא זאגין ער וואר
איין מאן מיט איינעם גוטין הערצין אונ איין מאן פון ווארט· אונ
העכסט טאלעראנט. דאס הייסט עס וואר קיין אונטער-שייד
בייא אים צוא יודע צוא קריסט צוא טאטאר. ווארין אלע גלייך
העכסט הומאנעס (מענשליך) באהאנדילט· נון דער ווילע גינוג
דער פון צוא ריידין אום צוא פאסען (צוא פאר שטיין) מיינע
ווייטערדיגע דער ציילונג. דאס איבעריגע דער פון וועלין מיר
שפעטער מיט טיילען.

דער מיטאג וואר גאנץ פרוגאל (פראסט) בוראצקעס מיט
פלייש. קאשע מיט בראטין זופ. בראטין. אבער אלעם גאנץ
גינוג. בראנפין אונ ביר זיינען גישטאנען גאנצע פלעסער. אונ
יעדער האט זיך ניטליך גיטאן נאך זיינעם בעליבין. נאך בעסער
אבער אלס דיזע שפייזין האט גיווירצט (גוט גישמעקט) אונזער
גישפרעך בייא דעם טיש עס ווארין גיוועקסעלט פראגין אונ
אנטווארטין אונטער אונז גאר אן צאל. אונ יעדעם ווארט וואר
פאר שלונגען פון דעם הארכער מיט דעם גרעסטין אפעטיט.





דרייא שטונדין האבין מיר אונז פאר זאמט בייא דעם טיש. אונ
נאך האבין מיר ניט אויס גירעט איין צעהנטעל פראצענט פון
אלעם דעם וואס עס מיר האבין נאך גיהאט פון וואס ווייטער
צוא שפרעכין. דען אונזער גאנצער גישפרעך איז באשטאנען
נור איבער מיין דינסט אין דער קאנצעלאריע אונ איבער דיא
איינציגע אידין וואס האבין זיך דאן גיפונען אין דיזעם מקום
עס וואר דאן זייערע דארטין אין אלעמען קוים דרייסיג. דער
גרעסטער טייל דער פון סאלדאטין וואיענע ראבאצע. איינינגע
אויס לענדער אונ גאנץ זעלטין וואר דארטין צוא זעהען איינען
אידעשין דורך רייזענדען וואס האט זיך ניט גיוואגט ארויס צוא
ווייזין בייא טאג אויף דער שטראזע. דען אין יענע צייטין וואר
דארטין איינעם וואלנעם אידין פאר באטין צוא זיין וויא איין
טרויפע שטיקיל סחורה. מיר האבין אונז בעשפראכין: באלד
אין טייץ. באלד אין רוסים. אונ באלד אין זארגאן (אידישע טייץ):

אם ענדע האב איך מיך גישיידעט פון זייא אלס איין
אלטער באקאנטער אונד פריינדעם הויזעם מיט דעם פאר
שפרעכין דאס איך זאל זיין בייא זייער טיש אלע שבתים אונ
ימים טובים. דען איך בין זייא העכסט גיפעלין. אונ העכסט
בייא זייא אויס גינומען מיט מיין איידעלען באנעהמען אונ מיט
מיינע שפראך קענטנישע וואס זייא האבין גיוואלט מאכין דער
פון איין געברויך פאר זייערע קינדער דאס הייסט דאס איך
זאל זייא געבען אונטער ריכט אין דעם. איך האב פאר שפראכין
אונ ווארט גיהאלטין:

## 12

דער ערסטער פרייטיג צוא נאכט אין דיזעם הויז
אונ איין עטוואס פון דעם אלעם וואש עס איז
גישעהען דארטין מיט מיר צוא מיינעם אונ צוא
זייערען גליק· דאס עס איז צוא זעהען דער פון

בחוש וויא גרויס עס איז דיא השגחה פון דעם בורא ברוך הוא אויף דעם וואס נור האפט צוא אים אונ בעוואהרט זיין רעדליכעס (ערליכעס) הערץ.

ניט איך בין אין שטאנד צוא בעשרייבין וואס פאר איי הייליגין איין דרוק עס האט דיזער פרייטיג צוא נאכט גימאכט אויף מיינעם געמיטה. דיא גידעקטע טישין · דיא בענץ ליכט דיא אן גיצונדענע הייגג לייכטער דיא ליכטיגע שטרייטעלאך. אונ דיא שיין געצירטע הייפטער (קעפ) פון דיא דאמען מיט טירקישע שאלין אונ טייערע שמוק. אונ דער געווירצהאפטע אונ דופטענדע (שמעקענדע) פיש גרוך וואס האט אנטקעגין גידאמפפט · האבין באלעבט אונ אפ גיפרישט אין מיינעם גידעכטניס (זכרון) דיא אידעשע רעליגיעזע (פרומע) לעבענס בילדער וואס ווארין שוין גאנץ פערוויסט (אבגעבלאקירט) פון מיינעם הערצענס טאוועל אונ דיא געזיינגע פון דעם הייליגין ליד „שלום עליכם" וואס עס האט מיר ביא מיינעם ערסטען אריין טרעטין אנטקעגין ארויס גישאלט פון פופצין העלע קעהלע (גארגלען) (דען עס ווארין דארטין נאך פילע אנדערע גילאדין) האבין מיך בעגייסטערט וויא קליינגע פון איינער בעסערין וועלט אלס דיא אונזערע איז אונ ניט מינדער (ווייניגער) האט גיווירקט אויף מיך דער קידוש. איך האב מיך דער ביא דער מאנט אן דאס הויז פון מיינע גוטע עלטערין אונ האב גיוויינט וויא איין קינד אין שטילין. דיא איידעלע פאמיליע פון דעם הערען הערש פערסקע האבין עס באמערקט אונ האבין עס אין שטילין בעלויבט ער האט איין געפיל פאלעס הערץ האבין זייא איין גירוימט איינער דעם אנדערין אין אויער אונ ער אליין (דער ר' הערש) האט גימאכט איין פליכטיגין (איין אונבעדייטענדען) גישפרעך מיט מיר איבר דעם · פר געוויס האט ער צו מיר גיזאגט ווארט איר שוין לאנג שבת ביא איינעם יודען דען עס איז אייך דיזעס אן צוא זעהען אן

אייערע



אייערע נאסע אויגין · שוין פון מיינעם זיבענטען יאר אן האב איך אים גיענטפערט. אונ האב מיך דער ביא שוין לויט (הויך) פר איין אנדער גיוויינט אונ זייער שטארק גישלוכצעט (נעהליפעט). אה! מיין בעסטער האט ער מיר גיענטפערט עס איז שוין פיל מאל בעוויזען דאס דיא רעליגיאן (דיא אידישע) לאזט זיך זייער שווער איין שלעפערין דאך זייער לייכט ערוואכין מיר האבין שוין גנוג פראבין דער פון. זעלבסט פון גרויסע דיינקער. פילאזאפין אידישע וואס האבין דיא רעליגיאן זייערע פאר נאכלעסיגט אויס פרייען ווילין. זיינען נאכהער דורך קליינע אורזאכין גיווארין ווידר רעליגיעזע (פרום) דען עס ליגט שוין דיזעס אין אונזער בלוט:

עס ווארין גילאדין דארטין אויף שבת צעהען פרעמדע פינף ווארין ארעמע סאלדאטין. צוויא ארעמע פאר שיקטע · צוויא דורך רייזענדע. איינער פון זייא וואר איין עלזאסר יודע איין יוועלען הענדלער. אונ האט געשפראכין עטוואס רוסים אבער זייער גוט זיין לאנדעס שפראכע פראנצויזעס. אונ האב גיהאט דארטין איינע גוטע גילעגנהייט צוא צייגין דאס איך רייד זייער גוט פראנצויז. דען איך האב מיך מיט אים אונטער גיהאלטין אין דיזער שפראכע דיא גאנצע צייט פון דעם טיש. דאס עסין וואר דיא געוואינליכע אידעשע שפייזין אום שבת · פיש · זופ · צימעס. אונ זייא האבין מיר גימונדעט (געשמאק) פיל מער אלס דיא טייערע שפייזין וואס איך האב געגעסין ביא דעם גראף אויף דיא גרעסטע בעלע וואס ער האט געמאכט:

מיר האבין אונז פאר זאמט ביא דעם טיש מער אלס צוויא שטונדען. דער מלמד ר' יעקב נארקאטי האט גיזאגט תורה וואס איך האב דאן קיין ווארט דער פון פאר שטאנען. גאך דעם אלס דיא געסטע האבין אן גיהויבין פון איין אנדער צו גיין. האט דער הערר דאס הויזעס דער ר' הערש פערסקע מיך געבעטען דאס איך זאל דא ביא אים נאך פאר בלייבין אויף איין גלעזיל פאנס. דען וויא דיא ווארהייט צוא זאגין האב

איך

איך אין דיזעם אבינד ביא אים נאך פיל מער אויס גינומען אלס דאן ביא מיטאג. ערשטינס איז אים העכסט גיפעלין מיין גערירטעס הערץ פון דעם שלום עליכם. אונ צווייטינס מיין אונטער האלטין זיך אין דער פראנצויזישע שפראכע מיט דעם עלזאסער בורלאנטין הענדלער. ווי איין געבארענער פראנצויזע אונ דער צוא נאך אלס געבילדעטער מענש. דאס ער (דער עלזאסער) וואר העכסט ענטציקט פון מיר. אונ אלס עס איז יבליבין ביא דעם טיש נור דער קליינע קרייז פון דער איינענע פאמיליע. אונ דער פערזעסער ווין האט אן גיהויבין צוא ערוואַרעמן די גימיטהער. האבין זייא זייער דיא פרויא דיא מיידכען אן געהויבין צוא דרינגען אין מיר דאס איך זאל זייא דער ציילין וויא אזו בין איך מגולגל געווארין אז אהער (קיין ניזנע). אונ וויא אזוא קום איך צוא איינע הויכע שטופע (גראד) פון בילדונג. וואו האב איך עס גילערינט:

איך האב מיך ניט גילאזט פיל בעטין. אונ האב זייא דער ציילט דיא גאנצע געשיכטע מיינע פון אלף ביז תיו. עס האט גידויערט ביז צווייא ביא נאכט. אונ דאן וואר טבת דרויסין. דאס הייסט דיא לייננסטע נעכט. זייא וואַרין אלע ביז צוא טרערין גערירט. אונ האבין מיך בעוואונדערט דאס איך האב מיך ביא אזעלכע אומשטענדע ניט אפ געטויפט. אונ האבין מיך אין זייער לויב פאר גליכין צוא דעם יאזעף אויס עגיפטען. קורץ געזאגט דיזער ר׳ הערש איז מיר גיווארין גוט וויא איין וואהרער פאטער אונ האט מיר אזוא פאר שפראכין צוא טאן פאר מיר וואס נור מיגליכעם צוא שפרעכין ועגין מיך מיט מיינעם פאלקאווניק וואס ער איז העכסט בעפריינדעט מיט אים. אונ האט עסווירקליך געטאן. אונ בין זיך אלזוי מיט דער צייט געבליבען איין הויז מענש זייערער. אונ נאך מעהר איין צלען (מיט גליד) פון זייער פאמיליע. דען וויא איך בין געווארען שטארשע פיסער אונ בין געווארען וויא צוא זאגען שוין מיין איינענער הער. פלעג





איך זייא בעזוכען שוין אלע אבענדע. אונ בין דארט געווארע לעהרער אונ שילער צוא זאמען. איך האב מיך געלערענט אידיש ביא דעם דארטיגין מלמד נארקאטין. אונ דיא צווייא מיידכען האבין ביא מיר געלערענט טייץ אונ פראנצויז. אונ מיר האבין אלע דרייא געמאכט גרויסע פארשריטע (פעולות געהאט) אין לערנן אונ געוועזען העכסט צופרידען איינער פון דיא אנדערע. אונ פון דער צייט אן וואס איך בין געווארען בעפריינדעט מיט דיזעם הויז אונ האב אנגעהייבען צוא לערנען אידיש. האב איך שוין אויף געהערט צוא געניסען פארבאטענע שפייז. מיטאג האב איך מיר בעשטעלט ביי איינער אידישע סאלדאטקע וואס האט געוואונט ניט ווייט פון דר קאנצעלאריע. אונ אבענד ברויט פלעג איך צו געניסן ביא דעם ר׳ הערש פערשקע. אונ פלעג דארט אויך זייער אפט צוא נעכטיגען אונ דעם מארגענס פריסטיגען.

אונ ניט אין מיינעם לעבין וועל איך ניט פערגעסען די פרייד דיא בעגייסטערונג (התלהבות) וואס איך האב געהאט אלס איך האב דעם ערסטען מאל אין מיינעם לעבין דארטין עולה לתורה גיוועזען (אלס איך האב מיך שוין אויס געלערענט דיא ברכות). עס וואר מיר דאן אזוי צוא מוטה אלס איך וואלט געזעסען אין דעם אברהם אבינונס שויס. אונ געפילט איין פאר געשמאק פון דעם געפריזענן פאראדיס (גן עדן) אזוי זיינען מיר איבער געלאפען דארט גאנצע דרייא יאר וויא איין זיסער טרוים. אין דיזע דרייא יאר האב איך פילעם פילעם ערווארבען (בעקומען) ערסטענס האב איך ערלערענט אין זייא זייער פיל אידעש. דאס איך האב שוין געקענט פערשטיין איין אידעשען ספר. צווייטענס האב איך אונטער דיזער צייט אויף געזאמעלט איין קאפיטאל פון צווייא טויזענד רובעל. דען דער ר׳ הערש האט מיר זייער גוט געצאלט פאר מיין געבען אונטער ריכט זיינע טעכטער. דריטענס האב איך ערווארבען אטאטען אונ מאמען ברידער אונ שוועסטער. דען אלעם דיזעם וואַרען מיר די פערסקעם פאמיליע. איך בין זייא געווארען מיט דער צייט העכסט ליב אונ

מייער · איך האב זייא געפעלט אלס איך וואר אנדערם וואו · אונ האבן געפירכטעט מיין אוועק גיין אלס איך וואר ביי זיי אונ אזו איך וואר איהנען אזוי גוט אונ אזוי וואוול ערגעבען דאס איך האב דיזע גאנצע צייט גענומען דעם גרעסטען אנטהייל (חלק) אין זייער וואול אונ וועהע (דאס הייסט אן זייערע פריידען אונ ליידען) וואר איינר ביא זייא אונוואול וואר איך דער טרייעסטער וועכטער לעבין זיין בעט (וויא ווייט מיין סלוזבע האט מיך ערלויבט) וואר ביא איינם איין געבורטס טאג וואר איך דער בעדינטר בייא דעם טיש · האט זיך געמאכט עפעס איין דעלאוואער עסק אין געשעפט וואר איך שוין בייא דער זייטע צו דינען מיט מיינער פעדער · אויך וואר איך איהנען (זייא) איין טרייער וועכטער פון אלע פאדראטען · דען איך בין געוועזען דער ערסטער וואס איך האב דער פון געוואוסט פון דער גאנצער גובערניע · קורץ געזאגט איך האב מיך העכסט בעמיהעט אום צוא מאכען מיך געפעליג בייא זייא אונ בין עס געוואָרען · דען זייא האבען מיך געליבט וויא איין אייגענעם זון .

## 13.

איינע גרויסע אומוואנדלונג אין מיינעם דינסטע (סלוזבע) אבער צוא מיינעם אייבינען וואויל (טובה) : ׃

נון מיינע טייערע לעזערין · וויא דיא ווארהייט צוא זאגען וואלט איין אנדערער אויף מיינער שטעלונג העכסט צוא פרידען געבליבען מיט זיינעם שטאנד · דען וואס קען נאך בעסער איין סאלדאט ווינצען וויא דיזעס צוא זיין שטארשע פיסאר · געאכט בייא זיין נאציילניקי פערדינט דעם רוביל אויף איין גאנץ ערליכן אופן · אונ האט נאך דער צוא איינגאנג אין אזו איין איידעלם הויז וואס איז אים גוט מיט לייב אונ לעבין · אונ איך העטע אויך פערגעניים צופרידען גיוועזן מיט מיינעם שטאנד דיזען ווען עס וואלט מיך ניט בעאונרוהיגט איין מעכטיגער טריב (סקלאנאסט) דאס איך זאל מיך בעשטרעבען (בעאיילען) צוא וואס בעסערעס





אונ גרעסערעס אלס שטארשע פיסאר זיין אום נור צוא ערגרייכען (ערגרייכען) וואס אין דיזען שטאנד וואר עס מיר גאנץ אונמעגליך צוא ערגרייכען . דיזער טריב וואר קיין אנדערער אלס דיא ליבע . אונ דאס אונערגרייכבארע (דאס ניט ערגרייכענדע) אין מיינער סאלדאטען לאגע וואר קיין אנדערע אלס דיא איידעקסע (עכסה) דיא עלטערע טאכטער פון דעם ר׳ הערש פערסקעס . דען איך בין געוואָרען אין איר פערליבט איבער דיא אויערען · דען זיא וואר אזויא־שיין אזויא מילד (גוט) דאס בייא מיינעם ערסטען דער זעהען איר האט זיא מיך שוין בעצויבערט . אונ וואר איהר געפאנגענער . אונ האב מיך דאהער העכסט גליקליך געשעצט צוא זיין מיט איהר אינטער איין דאך אונ איין צו אטהעמען דיא זעלבע לופט וואס זיא הויכט אוים . אונ דאהער קיין וואונדער דאס עס וואר מיר איינע פריידע . איינע זעליגקייט צוא געבען איר אונטערדיכט אונ צוא שפייזען מיט איר בייא איינעם טיש . דאך וואר עס אין אנפאנג נור איינע פלאטאנישע *) אדער גייסטיגע ליבע , אבער קיינע געמיינע פרויען ליבע וואס איז געגרינדעט נור אויף איינע בלויזע פיהישע (סקאטסקע) לוסט אונ געשווייגע (פישיטא) שוין ניט אום צוא הייראטהען איר . דען דאס וואלט אוים זעהען אזוי דום פון מיר וויא איך וואלט דיינקען איין טראהן צוא בעשטייגען , ווייל עס איז דאן געלעגען איין זיא ווייטער ברייטער קלופט

*) פלאטאנישע ליבע הייסט אזוי אליבע צוא איינע ווייבס פערזאן וואס ווערט געליבט פון איינעם מאנס פערזוין ניט אוים איינער הוילע ליידענשאפט (תאוה) צוא איר . ביין נור ווייל זיא איז ווערט צוא ליבען וועגען איהרע געהייבענע אונ ווירדיגע קערפערליכע אונ גייסטיגע אייגענשאפטען (מעלות) וואס דער פאר קען געליבט ווערען אויך איין יעדער מענטש פון דעם אנדערען .

קלופט (גראבען) צווישען אונז ביידען וויא צווישען איינעם ארעמען הירטען קנאבען אונ צווישען איינע פירשטליכע טאכטער. דען ביא מיינעם ערסטען אריין טרעטען דארט אין הויז וואר איך נאך ארעמער סאלדאט אדער נאך בעסער געזאגט איין סאלדאטסקער סין, אונ זיא איין גרויסען גבירים טאכטער. אונ דער צו נאך וואר איך דארט אינם הויז אלס איין פלעט. דאך אבער אין פערלויף פון אפאר יאר אלס איך וואר שוין שטארשע פיסער מיט פערמעגען אונ מיט אכטונג אונ דער צו נאך געליבט אונ געשעצט פון איהרע עלטערען. אונ נאך מעהר פון איהר זעלבסט. דען זיא האט מיך אויך אנגעהייבען גערען צוא זעהן. אונ צוא שעצען אין מיר איין הויך געבילדעטען יונגען מאן. וואס ווייט קענען גליקליך מאכען א ווייב. האבען שוין אנגעהייבען צוא וואקסען דיא פליגלען פון מיינעם מוטה פון טאג צוא טאג מעהר דאס איך האב שוין געהאט דאס רעכט צוא האפען דאס מיט דער צייט וועל איך מיך שוין קענען ערשווינגען (ערפליהען) זייער לייכט צוא יענעם הויכען ארט וואס פריהער האט מיר אזוי גאר פערשווינדעלט דער קאפ טוענדיק אזוי גאר אבליק אויף אים. דאס הייסט איך וועל קענען ערדייכען (דער גרייכען) וואס איך האב פאר הער ניט געקענט ערדייכען. דאס איזט צו נעהמען דיא איידעקסע פאר א ווייב. אונ אום דיזען הויכען ציל צוא ערדייכען (צוא ערגרייכען) וואס דיזער וואר וויא דיא וואהרהייט צוא זאגען אויך דאן איינע גרויסע קינהייט (וואגע שטיק) פון מיר, וואר מיינע ערסטע שטופע (טרעפ) דער צוא דער מלמד ר׳ יעקב נארקאטי וואס וואר מיין לעהרער אין אידעש וואס איך האב אים זייער גוט געלוינט דער פאר אונ וואס ער וואר מיר זייער גוט. אונ פלעגט מיך זייער שטארק צוא לויבען פאר דעם ר׳ הערש פערסקי. אונ פאר זיינע פרויא, איך האב אים מיין אבזיכט פערטרויט אונ פערשפראכען אים איינע גרויסע שדכנות. אונ אלס איך וואר שוין גאנץ זיכער מיט אים. דען

ער



ער האט מיר פערשפראכען הויך אונ טייער צוא דינען מיר אין דעם מיט לייב אונ לעבען. וואר מיין ערסטע זאך דאס איך זאל מיך בעפרייען פון מיינעם דינסט. אונ האב עס אין פערלויף פון איינעם יאר זייער גוט אויס געפיהרט. אונ אויף דעם גראדעסטען וועג וויא איך וועל דא עס באלד בעשרייבען.

שוין מעהר אלס איין יאר זינד איך האב אן געהייבען צוא שטודירען דעם וואיענעם אוסטאוו האב איך שוין ביא זיך געוואוסט אויף קלאר דאס לויט זאקאן דארף איך ניט דינען. דען דער זאקאן זאגט. דאס עס דארף דינען נור אזוי איין סאלדאטסקע סין וואס איזט געבאהרען פון אים ערסט נאך דעם אפ געבען פון דעם פאטער אבער ניט אזוי איינער וויא איך וואס בין געבאהרען געווארען נאך פאר זיינעם אפ געבען. איך האב ביז אהער געשוויגען ווייל איך האב מיך גליקליך געשעצט מיט מיינער שטעלונג אין דיזעם דינסט מיינעם. דען זיא וואר מיר זייער לייכט. איינטרעגליך אונ דער צוא נאך פערבונדען מיט גרויס אכבונג ביא מיינע נאצייעלסטווא. איצונד אבער אלס איך האב בעקומען אויס זיכטען אויף דיזער גרויסע פארטי (שידוך) וואס איך וועל עס ניט קענען דער לאנגען אויף קיין ארט אונד, ווייזע זייענד בעלאסטעט אונ געבראנדמארקט (געשטעמפעלט) מיט דעם נאמען סאלדאט וואר זיא (דיא דינסט) מיר שוין גאנץ דער ווידערליך אונ העכסט פערהאסט. אונ האב אן געהייבען צו ארבייטען מיט אלע מיינע קרעפטען אום זיך לויז צוא מאכען פון איר.

אונ דיזעס וואר פערבונדען מיט גרויסע שווירעקייטען. ערסטענס האט געמוזט געמאכט ווערען דער ביא גרויסע איספראווקעס פון פילע קאנצעלאריעס. פון מיין אבציסטווא. אונד צו גלייך האט געמוזט איינגעצויגען ווערען ריכטיגע סוועדעניעס פון דעם דאקטאר וואס וואר ביא דעם גראף

אונ

אונ ביי דעם פראנצויז פערעץ וואס ווייסען וויא אלט איך וואר אלס מען האט מיך געפונען אין וואלד אונ אין וואס פאר איאר עס איזט דיזעם געשעהען אונ וואס האבען דאן אפ גענומען אסלעדסטווא פון מיר. אום צו וויסען אויף קלאר דאס איך בין געבאהרען פאר מיינעם פאטערס אפ געבען · דיזעם אלעם וואר פערבונדען מיט איינער גרויסען צייט פערלוסט (מיט דער אויס ברייננונג פון אפולע צייט) אין אויך מיט פילע קאסטען. אונ צווייטענס האט זיך ניט געוואלט דעם פולקאווניק אוועק לאזען מיך דען איך וואר אים וויא צוא זאגען פראווע רוקא. דען ער האט נאך ניט געהאט אזוי איין שטארשע פיסאר וויא איך וואר אים. איך האב עס דאך אויס געווירקט ביי אים דורך זיינע פרויא וואס וואר איינע גרויסע דאמע. איך האב איר איינגעווייהעט (איינגעהייליגט) אין מיין געהיימניס דאס איך האב איינע אויס זיכט צוא הייראטהען דעם פערסקעס טאכטער דיא שיינע איידעקסע. אונ זיא האט בערעדעט איר מאן וואס האט מיך ניט געוואלט שטערען אין אזוי אגליק. ער האט מיך צוואר אין אנהייב אפגעשלאגען דער פון "איך גלויב ניט נאך" האט ער צוא מיר געזאגט "דאס דער פערסקע זאל איינווילליגען דער צוא אונ דער ווילע פערלירסט דוא איינע גוטע שטעלע" "אונ ווען ניט" האב איך אים גיענטפערט "וועל איך ביי איך דינען אלס פרייווילליגער" אונ האב אים פערשפראכען הויך אונ טייער דאס איך וועל ווארט האלטען. אונ האב זייא צוא גלייך געבעטען דאס זייא זאלען עס גאנץ געהיים האלטען. דען דיא ליבע איזט איין שייער פויגעל וואס שרעקט זיך פאר דעם מינדעסטען פערשטיינונג (שטראסוניק) האבען עס מיר פערשפראכען. אונ האב אלזוי מיט דער צייט בעקומען איינע ציסטע אסטאווקע. אונ בין מיך ביי אלעם דעם פערבליבען אויף מיינער שטעלונג וויא פריהער. אונ נימאנד האט דער ווילע געוואוסט דער פון ביי דעם פערסקען





אין שטוב אויסער דעם נארקאטי. אונ דער ווילע האב איך געזעהען צוא מאכען מיך ביי אים אין הויזע העכסט ניצליך אונ בעליבטער פון טאג צוא טאג. איך האב אים דעם פערסקען געשריבען בריף ביט שריפטען. רעכונקעס געמאכט גרויסע. געלערענט פלייסיג מיט דיא קינדער אונ דאס גלייכען.

דאך מיט אלעם דיזען וואר איך נאך וויא צוא זאגען קיין שריט (טריט) נעהענטער צוא מיינעם ציל ווען ניט דער גאט וואס איזט דער לענקער דער עהען (דער קערעווער פון אלע שידוכים) וואלט זיך זעלבסט ניט אריין געמישט אין דעם. דען אין אמאנאט ארום אלס איך האב מיין אסטאווקע בעקומען. האט זיך דער ר׳ יאסעל אלבאטינער וואס וואר זיין גלאוונער בוכהאלטער אונ געשעפטספיהרער ענטזאגט פון זיינער שטעלע אויס זיינע הייזליכע אומשטענדע אונ איזט זיך אפ געפארען אהיים קיין ליטע. נון וואר נויט דעם פערסקען אום צוא בעקומען אן שטאט אים איינען אנדערען. אונ וואר אלזוי דער ווילע געצוואונגען צוא בעהעלפען זיך מיט מיר דעם נאכטס (אלס איך וואר ליידיג פון דער קאנצעלאריע) ביי זיינע געשעפטען וואס איך בין שוין געווען זייער שטארק איין געוויהעט (גע‌ניט) געווארען אין זייא אין דער גאנצע צייט פון מיינעם איין געהען ביי אים אין שטוב. אונ אלס דער מלמד ר׳ יעקב נארקאטי האט איינגעזעהן דאס דער ר׳ הערש פערסקע איזט העכסט צוא פרידען מיט מיר. אונ וואלט פערגעוויס ווען ער וואלט וויסען דאס איך האב פאלוצעט איינע אסטאווקע בעזעצט מיט מיר דיא וואקאנטע שטעלע פון דעם ר׳ יאסעל אלבערטינער. האט ער מיר שוין געראטהען דאס איך זאל דער פון שוין מעהר קיין געהיימניס מאכען פאר אים. אום ער זאל בעצייטען בעפאר עס וועט געפינען זיך איין אנדערער בעזעצען מיט מיר דיזע שטעלע. אונ דאן וועט שוין זיין איין האזענשפרונג (איינע לייכטיקייט) אויס

צו פירען דורך געטליכע הילפע און דורך זיינע. דעם גרויסען פלאן צו ווערען דארט איין איידעם. איך האב אים געפאלגט און האב עס געטאן אויף איינעם העכסט געלאנטען (שיינעם ארט (אופן) איך האב מיך אויס געקליידעט זייער שיין צו ווילנע (דאס הייסט פאנראזדאנסקי בירגערליך) וויא איין יונגער אביוואטעל העכסט נעט און שיין און בין אריין צוא דעם ר' הערשען אין שטוב מיט דער אסטאווקע אין האנד. און האב זייא אלעמען געבעטען דאס זיי זאלען מיר גראטילירען דען איך בין שוין פרייע פון מיינער וואיענע שלוסבע.

זייא זיינען געווארען אלע פון גרויס און קליין העכסט איבער ראסט (פערוואונדערט) וועגען דיזער פריייליכע נאכריכט האבען מיר צוא געוואונצען הערצליך דיא האנד געדריקט. און האבען צוא ליב דעם געמאכט איינען קליינע פעסט (יום טוב) אין דיזען אווענד בייא זיך אין שטוב. און זיצענד בייא דעם טיש האב איך שוין מיט געטייהלט (דער ציילט) וויא איך האב עס אויס געארבייט אין שטילען אום צו איבער ראסען זייא (צוא בערייען זייא פלעצליך) מיט דיזער פריידע מיט איינעם מאל אלס איך וועל שוין האבען עס אויס געפיהרט איך בין שוין פרייא אין גאנצען" נור בייא אלעם דעם וויל מיך נאך דער פולקאווניק האלטען בייא זיך ביז איך וועל וועלען פערבלייבען. איך האב זייא אלעם וואר געזאגט. איך האב זייא גענארט נור אין דעם דאס איך האב זייא גיזאגט דאס איך האב דיא אסטאווקע ערסט צייט צוויא טאגע בעקומען. און פערצענערט (פערצויגען) עס צוא מעלדען זייא ביז איך האב מיך אויס געקליידעט גאנץ צוא ווילנע.

דיזע פראהע נאכריכט צוא דער רעכטע טעמפע (צייט) האט ניט פערפעלט איהרע ערענסטע ווירקונג. דען קוים האב איך איר (דיא נאכריכט) בעענדעט. האט זיך אנגעהייבען דער ר' יעקב צוא שוסקען מיט דעם ר' הערשען וועגען מיך.



און אויף מארגען וואר מיר דורך דעם ר' יעקב נארקאטי אנגעבאטען דיא שטעל פון דעם ר' יוסף אלבערטינגער. מיט זעקס הונדערט רובּיל געהאלט לבד טיש און קווארטיר. איך האב עס אנגענומען מיט פריידען. נור מיט דעם בעדינג דאס דער ר' הערש זאל זעלבסט זיך בעשפרעכען מיט דעם פולקאווניק דאס ער זאל קיין פערדרוס האבען אויף מיך דען עס שטייט מיר פאר איין גליק וואס דער פולקאווניק וועט עס נאך פיל ווייטער דייטען אלס ער אליין מיינט.

קורץ געזאגט. דער ר' הערש האט עס זייער לייכט אויס געפיהרט און איך בין געווארען בייא איהם אין שטוב שוין אלס אין אלעם. בייא דעם בוך בייא דעם געשעפט. בייא גראמער צייט געגעבין אונטערריכט דיא קינדער און האב אים טרייא געגעבען ערליך געדינט. ניט אזוי אום דיא שכירות וועגען וויא אום זיינע טאכטער וויא אמאל יעקב דעם לבן אום זיינע שיינע טאכטער ווילען. און אין פערלויף איינעם האלבען יאהר וואר איך אים שוין פיל ניציגער אלס דער אלבערטינגער. און פערגעווים אויך טרייער. און בין זייא דאהער געווארען פון טאג צו טאג טייערער און ליבער.

## 14

### "פון מיינער הייראט מיט דער איידעקסע"

איך האב מיך דיא ערסטע צוויא דרייא מאנאטע נאך דעם ניט געקענט אבפרייען מיט מיינעם גרויסען גליק. ערסטענס דאס איך בעזיצע אזויא א גרויסע שטעלע. צווייטענס דאס איך בין שוין אויף דעם דרך אויס צוא פירען מיין פורלאנטעגען וואונש צוא הייראטהען דיא ליבע איידעקסע וואס איז מיר געווארען שוין אזויא גוט וויא איך וואר איר. צוואר עס וואר צוא ווארטע (רייד) נאך ניט געקומען צווישען אונז

וועגען

וועגען ליבע און פשיטא שוין ניט פון וועגען איינער הייראט אבער אונזערע אויגען און אונזערע געמיטהער האבען פיל מעהר געשפראכען אלס טויזענד צינגע מיר ווארען וויא דורך מאגנעטען אנגעצויגען איינער פון דעם אנדערען. וואו איך וואר וואר זיא אויך. און וואו זיא נור וואר וואר איך. דאך אבער איז צוא בייזעס ניט געקומען. דען זיא וואר צוא קיים (צוא פרום) דער צוא. און איך צוא קלוג אום ניט צו שאדען דאמיט מיינעם גאלדענעם גליק. און אונזערע שיבטערענדע ליבע וואס דאס הערץ האט זיך נאך אמאל אזויא גאר ניט געוואגט. אן צוא טרויען דעם מונד איז געבליבען איין געהיימניס אויך פאר דיא עלטערען און פאר אלע המשפחה. דען יעדעס אויפזוכען אונזערער איינעם דעם אנדערען וואר אלץ אונטער איינעם אנדערען אויסרייד. דאס איז זיא געקומען פרעגען ביי מיר איינע שטעלע אין אבוך, דאס איבער צוא זעהען איהרען אבריף צוא האט ער ניט אין זיך איין פעהלער. און איך דאס גלייבען צוא בעטען איר צוא פערדיימען איין שנופטוך. איין האלדזטוך. איין צוא קויפען מיר מאנכע קליינינקייטען. און דאס האב איך פאר געלעזען מאנכען שיינעם בריף וואס איך האב געשריבען צוא דעם פראנצויז פערעץ. צוא דעם דייטשען דאקטאר אלבערט, צוא זיינער פרויא. דען איך האב מיך אלע צייטען געקראנספעדירט מיט זיא. און זייא מיט מיר.

קורץ געזאגט עס האט נימאנד געוואוסט פון אונזער ליבע קוים דער ר׳ יעקב נארקאטי וואס האר שוין איינגעווייהעט (איינגעהייליגט) אין מיינעם קיהנען (חוצפהדיקען) אויסזיכט צוא הייראטהען זיא. און פלעגט מיך דאהער העכסט לויבען אזויא פאר דעם מיידכען און אזויא פאר איהרע עלטערען. און ביי אלעם דעם וואלט נאך אלץ צוא איינעם שקוטעק ניט געקומען ווען עס וואלטען זיך ניט צו געזעלט (צוא געצעפעט) דער צוא מאנכע גיטסטינע (גליקליכע) אומשטענדע (אבשטאטעלסטוועס)





וואס ווארען געלייטעט (געפיהרט) שיינבארליך פיל מעהר דורך איינע געטליכע האנד אלס פערהצופאל. ערסטענס איז אין איאר ארום געווארען מיין פרינציפאל דער ר׳ הערש געווארען ליידענדען אויף אפום. דאס ער האט געמוזט פערבלייבען צוא הויז און דער גאנצער געשעפט איז מיט אלע זיינע לאסטען געפאלען אויף מיינע שולטערען (פלייצעס) און האב מיך זייער גוט איספראוועט. און בין אים שוין געווארען גאנץ אונענטבעהרליך (נייטיג) און דער צוא נאך זייער ליב. דען ער האט שוין געהאט דאן גענוג געלעגענהייט צוא ערפראבען מיינע טרייהייט. ערליכקייט. און און איינעניצעקייט און נאך מעהר מיינע גרויסע געשיקליכקייט אין דיזע געשעפטען זיינע וואס מען ברויכט צוא האבען אמענטשין מיט אקאפף. מיט אפעדער. מיט אצונג. און דיזעס האט ער אין פולען מאס געפונען אין מיר. און דיא פום זיינע וואר בעפאלען מיט איינער כראנישער (דויערענדע) קראנקהייט אלזויא האט ער שוין געברויכט מיך צוא האבען פיל מעהר אלס איך אים. דען עס וואר מיר שוין דאן לייכט צוא בעקומען איינע פיל איינטרעגליכערע שטעלע אלס דיזע. זעלבסט ביי איינעם רוסען.

צווייטענס האט שוין דאן דיא הולדע דעם ר׳ הערשענס פרויא אן געהייבען צוא ווערען העכסט בעזארגט וועגען איר טאכטער עכסה (איידעקסע) מכח אשידוך. דען זיא וואר שוין אריין אין דעם צוואנציגסטען יאר. און דארט וואר דאן נאך קיינע יודען וואס זאל האבען אזון. וואס דאס עס זאל גאר זיין איין רייד מיט אים דער פון. עס וואר זייא צוואר גערעט שידוכים פון ווייטען. אבער נור מער ניט וויא גערעט. צוא איינער ווירקליכקייט. אבער וואלט עס זייער שווער געקומען. ווייל קיין רעכטער מענטש ווערט ניט וועלען געבען זיינעם אזון אזויא ווייט אז קיין וויאטקע. און פארען מיט איר אהין און דארט איר לאזען וואר עס אויך איינע גאנצע אונמעגליכקייט.

ערסטענס ווער איז דער פארער מיט איר . און צווייטענס איז זיא איר צוא ליב אום לאזען איר אין אחוי איינע ווייטענס פון זיך . דיזער געגענשטאנד (ענין) וואר איין טעגליכער געשפרעך צווישען איר און איר מאן ביא וועלכעם עס פלעגט ביא צוא זיין אויך דער ר' יעקב נארקאטי . וואס וואר זייער אראקעל (אורים ותומים) אין יעדען ענין . און פלעגען אים אימער צוא פאלגען . דען ער וואר ווירקליך איין גאנץ קלוגער מענטש און וואר אליין אמאל אויך אסוחר .

דריטענס האט זיך מיר געמאכט איין קליין פאדראטעל וואס איך האב אים אנגענומען פאר זיך אליין מיט דיא ערלויבנים פון מיינעם הערען און האב אן אים פערדינט אפאר טויזענד רובל . וואס דיזעס האט מיך שוין זייער פיל געהייבען אין דיא אויגען פון מיינעם פרינצעפאל און פון זיינער פרויא . און צוא גלייך געגעבען גענוג מוטה דעם ר' יעקב נארקאטי דאס ער זאל זייא מאכען דעם פאר שלאג וועגען מיך . און האט עס געטאן זייער קלוג און געשיקט וויא איין חכם וואס ווייס צוא ערצילען מאס און צייט .

„מיינע ליבען" האט ער צוא זייא געזאגט זייענד באלד נאך דעם ביא איינער נייען סעסיאן וואס זייא האבען געמאכט וועגען מאנכע שידוכים וואס וואר זייא פאר געשלאגען פון ליטע און פון רייסען אין פערשידענע בריף „פאטויעט" (לפי דעתי) האט איר קיינע גלייכערע פארטי פיר זיך אלם מיט דעם וואלף פלעקסער וואס איז איצונד אייער פראוולאיעסצע . ער איז איין יונגער מאן מיט גרויסע בילדונג . מיט גרויסע פעהיגקייט (שפאסאבנאסץ) . שיין . געזונד . שטארק . און פערשטייט גאנץ גוט אייער געשעפט . און איז דער צוא איין גאנץ בראווער מענטש . איר דארפט פאר אייער טאכטער קיין בעסערען מאן . בפרט נאך דאס איר ליידעט אויף אפוב . עס איז צוואר קיין געפאהר . דאך וועט איר שוין מוזען מעהר זיין איין היימיגער

אלם



אלם אונטערוועגענס זיין . ער וועט אייך אויף זיינע סולטערען (פלייצעס) טראגען ביז אין אייער גרויסען אלטער , און מאכט מיר קיינע איינווענדונג דאס ער וואר אמאל איין סאלדאט געוועזען . און איז צוא גלייך איין זון פון אסאלדאט . איר האט אייך גאר ניט פארי וועמען צו שעמען און מיט וואס צוא שעמען . בעסער וויא דער עולם זאגט אפאץ אין פנים אלם איין קריינק אין בויך . איך בין קלאר אין דיא אלע בחורים פון ליטע . פון רייסען . פון וואלינען . טויגען ניט אקאץ איין עק צוא פערבינדען . פערשטייען קיין געשעפט . און הייגגען אויף זייערע עלטערען ביז זייער טויט . צווייטענס איז שוין דיא אידעשע וועלט געווארען פיל קליגער אלם אמאל . גרויסע גבירים און מיוחסים טוען שידוכים מיט דאקטורים וואס זייערע עלטערען זיינען פאקטורים . און וואס ער (דער וואלף פלעקסער) וועט פערדינען אין חלום פערדינען זייא עס ניט אויף דעם וואר . שלעפען זיך אום פאר דרייסיג קאפייקען פון שטוב צוא שטוב . אלזויא וועט איהר ליבט אייער טאכטער און דער צוא זיך . זאלט איר אים ניט איין לאזען און נעמט אים פאר איין איידעם . איר וועט עס ניט בערייהען (חרטה האבען) און איר וועט מיך דער מאנען צום גוטען צייט איר וועט לעבען . איך ראטהע אייך וויא איין וואהרער הויז פריינד"

דיזע רייד זיינע האבען ניט פערפעהלט זייער ווירקונג . זייא האבען זיך אין אנפאנג אפילו איין עטוואס איספוזעט! . אבער נאך איינער רייפליכען (צייטיגען) איבער לייגונג איז עס ביא זייא רעכט געווארען און אין פערלויף פון איינער וואכע האבען זייא זיך בעשפראכען דאריבער מיט דער טאכטער און אלם זיא וואר העכסט צוא פרידען מיט דיזעם פארשלאג וואר ביא אונז איינע פערלאבונג . מען האט אונז פערשפראכען צעהען טויזענד רובל נדן (ארובל דרייא טויזענד האב איך געהאט

שוין

שוין איינענע) דער צוא וואר מיר בעשטימט צעהען פריצענט פון געשעפט. אונ אין אפאר חדשים ארום וואר ביא אונז האכצייט. עס וואר געלאדען מיין פאלקאווניק מיט זיינער פרויא. אונ נאך מאנכע אפיצירען. פילע רוסישע קויפלייטע. אונ דיזע אלע האבען גענומען דעם גרעסטען אנטהייל אן מיינער פריידע. אונ זייען אונז געבליבען גוטע פריינד ביז מיר זייען פערבליבען דארט אין ניזנע.

15

„פריינדליכע בעזוכע"

נאך וואר דוכט מיר קיין מענטש אזוי גוט אוים געזעהענט (גוט פריינד געווארען) מיט זיינעם שיקזאל (מערכה) וואס האט אים זייער הארט אונ טיראניש פערפאלגט (רודף געווען) אין זיינע יוגענד יאהרען אלס איך. דען איך האב ערייכט (דער לאנגט) וואס מיינעם גלייכען (אלס מיינעם וויסען נאך) האט עס נימאלס ערייכט בעקומען) איין העכסט שיינעם מיידכען אטאכטער פון גרויסע קויפלייט מיט אגרויסען נדן פאר אפרויא אונ ווען עס העטע פערגענט געווען (פערגונען געווען) איינעם שטערבליכען (אזוי ווערען אנגערופען אלע מענטשן ווייל יעדער מוז דאך אמאל שטארבען) צוא געניסען אין דיזעם לעבען איינע פאלקאמענע פריידע (דאס הייסט איינע שמחה בשלימות) וואלט איך געווען פערגעווים דער ערסטער אונטער דער צאהל דיזער גליקליכען דאן. דען וויא עס האט אוים געוויזען וואר מיר דאן שוין גאר ניט וואס נאך איבעריג מעהר צוא ווינצען. דען איך האב דאן געהאט אלעס. אונ נאך מעהר אלס אלעס איינע געליבטע פרויא. רייכטהום גענוג נאהרונג. אונ גוטע אוים זיכטען אויף דיא צוא קונפט (עתיד). ביא אלעם דעם וואר איך באלד נאך דער הויכצייט העכסט פערשטימט (אונמוטהיג אדער טרויעריג). דען ערסט אלס עס האט מיר שוין גאר ניט

געפעהלט



געפעהלט, האט מיך ערגריפען איין שרעקליכער וועהע מוט (בייננקונג) נאך מיינע עלטערען. דען נאך האבען זייא מיר אזוי קיין מאהל געפעהלט גראדע וויא איצונד אלס עס איז מיר געווארען העכסט גוט. א וועהע וועהע דעם ערליכען שולדנער (בעל חוב) וואס האט מיט וואס צוא בעצאלען זיינע שולדען (חובות) אונ קען ניט אויפזוכען דיא יעניגען וואס ער איז זייא שולדיג ביא זיינעם וויסען אדער ווייניגסטען ביא זיינעם מיינען דאס זייא לעבען אין נויט אונ אין עלענד. אונ ווער איז נאך אזוי אשולדנער וויא אקינד זיינען עלטערען וואס האבען אים ערצויגען מיט גרויסע מיהע אונ מיט גרויסע קאסטען. אונ וואס וויינען נאך אום אים טרויערען וויא אמאל יעקב אום דעם יוסף וואס איז פערפאלען געווארען פון אים אונ דיזעס בין איך עס. אין דעם העכסטען פערגלייכונג צוא אים. א האב איך דאן צוא מיר זעלבסט געזאגט. א איך בין איצונד אין שטאנד זייא גוטעס צוא טאן אונ צוא שטילען זייערע טרערען וואס וויינען אום מיך. אונ איך בין נור איינער ביא זייא. א וואו נעהמע איך זייא. וויא דער מענטש ווינטש צוא האבען פריינדע וואס זאלען נעהמען איין אנטהייל אין זיינע ליידען. וויל ער נאך מעהר צוא האבען פריינדע וואס זאלען נעהמען אנטהייל אן זיינע פריידען. אונ ווער נאך האט געהאט אין זיינעם לעבען מעהר פריידע אלס איך דאן. אונ וועלכע פריינדע קענען נעהמען אזויא פיל אנטהייל דאראן. וויא מיינע ליבע עלטערען.

קורץ געזאגט איך האב ניט גערוהט. איך האב געשריבען קיין (צ"ע) צוא דעם רב אונ האב קיינע אנטווארט בעקומען. איך האב געבעטען מיין פאלקאווניק דאס ער זאל אן פרעגין אפיציעל אין דיא וואיענע קאנצעלאריעם אין קאזאן וואס איך האב נאך געדיינקט וויא דורך אטרוים דאס ער וואר אהין (מיין פאטער) פערשיקט. עס וואר אים אבער געענטפערט דאס ער וואר שוין לאנג ארוים אסטאווקע. אונ ווייסין ווייטער ניט צוא

זאגין

זאגין פון אים . אונ אזוי ווארען אלע מיינע נאכפרעגונגען פערלארענע מיהע . דאס הייסט אומזאנסט . אונ וואלט פערנעווים ניט דער גאנגען ווען ניט איין געטליכער צופאל וואלט מיך ניט אנגעפיהרט אויף זייא גאנץ אונ געריכטעט: וויא איך וועל דא באלד עס בעשרייבען .

אונ אום זיך איין עטוואס צוא ענטלאדען (אפלאדעווען . דאס הייסט אוים ליידיגען) פון דיזער צערטליכען געפיהל דער מיטטהיילונג *) וואס האט מיין הערצען אנגעשפארט פול וויא מילך פון איינער געווינעריין וואס עס איז איר אפגעריסען געווארען אין געבורט דאס קינד וואס זאל עס אפ זיינען בעהעלפט זיך אום זיך לויז צוא מאכען דער פון (פון דיא מילך) דורך דיא הילפען פון איינעם אנדערען קינדע . אזוי האב איך מיר אויך אויפגעזוכט אנשטאט מיינע אייגענע עלטערען אנדרע פערזאנען אום מיט צוא טיילען זייא מיינע איצטיגע פריידען . דאך אבער ניט פרעמד אונ אונבאקאנט וויא דאס אבזייגענדע קינד פון איינער קינד בעטעריין (קינפעטאריין) וואס אין נויט פאל בעדינט זיא זיך נאר מיט איינעם קליינעם הינטעל . ניט אזויא אבער וואר דער פאל ביי מיר . דיא פערזאנען וואס איך האב זייא אויפגעזוכט צוא ווירדיגען זייא מיט מיינער צערטליכן (פערפיעסצעטע) מיטהיילונג ווארען מיינע ערסטע גוטע פריינד וואס האבען גענומען אנטייהל אמאל אין מיינע ליידען אונ וואס זייא ווארען דיא ערסטע שטופע (טרעפ) פון מיינעם שטייגען צוא דיזען הויך גראד וואס איך האב איצונד ערריכט (בעגרייכט) . אונ דיזע ווארען קיינע אנדערע אלס דער דאקטער אונ דער פראנצויזישע לעהרער פערעץ . איך בין אויף מיינער רייזע אין

געשעפט

---

*) איינע מיטטהיילונג הייסט דאס דער צייהלען אייגענע פריידען איינעם אנדערען וואס נעמט זיך נחת דער פון אונ אזוי הייסט מיטטייהלען ערצייהלען .



געשעפט זאכען אראפ געפארען צו זייא ביידען . אונ האב זייא דער ציילט פון מיינעם גרויסען גליק . איך וואר ביי זייא איין גרויסער גאסט . אונ עס וואר פריידען איבער פריידען . איך האב זייא דער וויסט שוין גאנץ ערגרויט אבער דאך געזונט אונ זייער גוט אין שטאנדע איך האב מיך ביי יעדען בעזונדער (דען זייא האבען געוואוינט ווייט פון איינאנדער) פערזאמט צוא דרייא טעג . אונ האב גענומען פון זייא איין צערטליכען אבשייד וויא אברודער פון איינעם הייסען ברודער אונ פון דארט בין איך אריין געפארען אין דעם הויף פון דעם גראף אום צוא זעהען זיך דארט מיט דעם קוכער אונ קוכארקע וואס ווארען מיר גוט אמאל וויא אפאטער אונ מוטער . איך האב שוין דעם קוכער ניט דער וויסט דען ער וואר שוין טויט זיא אבער וואר אם לעבען אלט אונ איין עטוואס קרייענקליך . זיא וואר שוין קיינע קוכארקע . אונ האט זיך בגענעהרט נור פון שפינען . איך האב איר דער וויסט אין אקליין שטיבעלע ביי איהרע אפערוואנדעטע . דער הויף וואר שוין מעהר ניט דעם גראפס . דען וויא עס זייען נור בעפרייט געווארען דיא לייב אייגענע (פאדאנעס) האבען אים דיא קינדער פערקויפט . דיא גרעפין איז שוין לאנג געוועזן געשטארבען . אונ האב אלזוי דארט ניט איינעם פון דער גאנצען פאמיליע זייערע ניט דער וויסט .

ניט בין איך אין שטאנד צוא בעשרייבען דיא פריידען פון דיזער אלטע פרויא . זיא האט מיך ארום גענומען מיט ביידע הענד וויא מיט צוויא אייזערנע קלאמערען אונ האט אריין געוויינט הייסע טרעהרען אין מיינע אויגען אונ דאס גלייכען איך אין איהרע אויגען . איך האב מיך פערזאמט ביי איר אויך איניגע טעג . איך האב געקויפט פאר איר דארט אגוטע שטיבעל מיט אגארטען מיט אגוטע קוא איך האב בעצאלט דער פאר פופציג דוקאטען אונ האב איר געלאזען ארוביל פופציג געלט . קורץ געזאגט איך האב איר דארט בעשפעצעט

איר

איר עלטער. אונ האב מיר דער צוא נאך פאר שפראכין צוא שרייבין אלע מאל וואו איך געפין מיך. אונ וועל מיך ניט פאר געסין אן איר צייט זיא וועט לעבען אונ האב מיט גאטעס הילף זוארט גיהאלטין ביז איר לעצטין טאג אונ נאך האב איך אין מיינעם לעבען פאר לעבט אזעלכע גליקליכע טאגע וויא איצונד אונטער איהרעם ארעמען דאך. מיר האבען דיזע צייט פאר בראכט נור אין דיא טרויערדיגע ערינערונגען (דער מאנונגען) פון דער פארגאנגענהייט (מזמן העבר) וויא מיר זיינען עם אלע גילעגין אונטער איינעם אייזערנעם יאך פון דיא הערשאפטין וואס זייא האבין געהאט דאס רעכט צוא טאן מיט זייערע לייב אייגענע (פאדאנעם) וויא מיט אירע בהמות אונ מיר האבין דער ביייא געלאבט אונ געבענצט אונזער גוטין קייזער אלעכסנדער וואס האט מיט זיינעם מאכט ווארט בעפרייט אזו פיל מיליאנען זיילען. אונ דער צוא נאך פאר זארגט מיט וואוינונג אונ גרונד.

פאר מיין אפ שייד נעמען פון איר האב איך געמאכט איין אפ שייד מאל צייט פאר אלע נאך לעבענדע בעקאנטע מיינע וואס איך האב זייא הער וויסט נאך דארט. עס וואר אונטער זייא אויך דער הירט אונ זיינע טאכטער וואס דער יונגער גראף האט מיך געוואלט פאר הייראטען מיט איר. אונ אזוא וואר אויך דער פראוולאיעסצע גראכאווען וואס האט מיך דאן זייער שלעכט באהאנדילט אויף דאס געהיים פון זיינעם הערצען איך האב עם אים איצונד פארציייהעט (מוחל גיווען) אונ באהאנדילט אים אויך דער צוא נאך וויא איין גוטער פריינד האב יעדען באשיינקט מיט וואס נור מעגליך דעם מיט איין פייף. דעם אשיינעם ראזיקידיא' פרויען מיט האלדז טיכער. מיט שיינע בענדער אונ בין אוועק פון זייא אלם בעסטער פריינד האבין מיך בעלייט איינע היפשע שטרעקע. אונ מיין הערץ וואר מיר אויס גיריסין ביייא מיינעם זאגין דעם לעצטען לעבע וואויל צוא דער אלטע קעכין. אונ דורך דיזעם שמערצליכין אונד פריינדליכין שיידין פון זייא אלעמען

וואר



וואר מיין געמיטה העכסט בערוהיגט ביייא מיינעם וויסען דאס איך בין קיין אונדאנקבארער אונ דאס מיין געוויסין איז ריין פאר גאט אונ פאר לייטין אונ בפרט נאך ביייא אזוא איינע געלעגענהייט וואס בעלאנגט אויך דיא עהרע פון אונזער נאציאן דאס קריסטין וועלין זאגין דאס איין יודע קען אויך זיין איין איידיל מאן.

## 16.

## „דאס אפ רייזע פון ניזנע"

גאנצע פיר יאר האב איך פאר לעבט מיט מיין שוויגער עלטערין אונ מיט מיינע פרויא אין דער זיסטען איין טראכט (שלום) מיר ווארען אלע געזונד (אויסער דעם שווער) וואס וואר ליידענד אויף דער פוס אויך דיא נישעפטין זיינען געגאנגען אין דעם געהעריגן גלייז (קאלייע) אונ מיר וואריו העכסט צוא פרידין איינער פון דעם אנדערין. אין אפאר יאר נאך דער האכצייט האט מיר מיינע פרויא איין זון געבארען אונ ער וואר איין גוטער גאסט ביייא אונז. אונ ביייא אלעם דעם ווארען מיר אין דעם פינפטין יאר שוין גענייטיגט געווארין אוים פילע אורזאכין צוא פאר לאזין ניזנע. ערסטינם וויל דער גישעפט האט שוין אן גיהויבין צוא נעמען איינע זייער שלעכטע ווענדונג דורך דעם וואס אלעכסנדער דער צווייטער יר"ה האט ערלויבט אידעשע פערווא גילדעם אן צוא געמען פאדראטין אונ אלער האנד מסחרים אין דיא אינערע (נוטרענע) גובערנם פון רוסלאנד. דאס עס זיינען אן גיקומען דאן פיל אידישע פאדראדציקעם אונ האבין אן געהויבין צוא מאכין אויף דיא פאדראטין גרויסע אונגיזענעם. צווייטינס וויל דיא ערצטע (דאקטורים) האבין פאר ארדענט (בעפוילען) מיינעם שווינער פאטער (שווער) צוא בעזעצען זיך צוא ליב זיין פוס אין די זידליכע (יוזנע) גובערנם זאנסט וועט ער אימער זיין איין גרויסער ליידענדער אונ מיט דער צייט דאס הייסט צוא דיא גאנץ עלטערע יארין קען ווערין דיא קראנקהייט גאנץ געפערלאך. דריטינס וואר דארטין ניט צוא טאן שידוכים מיט דיא קינדער. דען דיא אלע יודען וואס


קומען

קומען אהין זיינען אן פאמיליע אונ דער צוא פון גאנץ פראסטין שלאג. דער צוא נאך האט זיך גימאכט איינע פאמיליאנע אנגעלעגענהייט (ענין). ר' הערש האט געהאט צוויא ברידער אין קעסענאוו איינער פון זייא וואר שטיין רייך אונ דער צוא איין בעזדזעדניק אונ איז זיך אוועק גישטארבין אין דיזעם יאר אונ האט הינטער גילאזין נאך זיך איין גרויסע פאר מעגין אין געלט. אין נחלאות. אין גרונט שטיקען (קרקעות). אלזו וואר שוין דער ר' הערש גינייטיגט צוא פארין וועגין דיא ירושה אהין. נון וואר עס וויא גירופין (פאסענד) צוא דיזע פאריגע אום שטאנדען אונ האבין זיך אלזוי בעשלאסען צוא בעזעצין זיך דארטין וואס איז איין ווארעמעס ארט אונ איז העכסט צוא זאגענד (גוט) פאר זיינעם קראנקין פוס. אונ מיר האבין אלזוי שוין אלע פעסט בעשלאסין ארויס צוא פארין פון ניזנע באלד נאך שבועות. וואס דאן וועלין שוין זיין איבער גילאפין אלע גרויסע געוויסערען וואס איז דארטין אלע יאר אין דיזער צייט אונ בעשווערען אונ מאכין צוא גלייך געפערליך דאס רייזען דאן דארט אונ אזוא איז ווירקליך געשעהען דען באלד נאך שבועות האבין זייא פאר קויפט אלע הויז ראט אונ זיינען אפ גיפארין אונ איך בין נאך דארטין פאר בליבין אויף דרייא מאנאטין אום צוא בעענדין איין געשעפט אונ ארויס צוא נעמען זאלאגעם.

באלד נאך ראש השנה האב איך שוין גינומען אפ שייד פון אלע מיינע בעקאנטע איבער הויבט פון דעם פאלקאווניק אונ זיינער פרויא אונ אויך פון דעם ר' יעקב נארקאטי וואס איז דארטין פאר בליבין אויף נאך איין יאר ביא איינעם אנדערען פאדראצויק וואס איז אקארסט אן גיקומען אהין. איך וואר אויף דיזע רייזע העכסט מונטער (פריילך) פערגעניגט ביא אלעם דעם האב איך שוין געוואלט זיין אין דעם קרייז דער מייניגען דארטין אין קעסענאוו אונ האב ניט גישפארט קיין געלט אויף דיא פאצטען אין דיא ערטער שוין וואו עס האט אויף געהערט דיא אייזען באהן אונ ביא אלעם דעם האב איך געהאט איינע

גרויסע



גרויסע הינדערנעש (עכוב) אויף דיזע רייזע וואס האט מיך אפ געהאלטין גאנצע צוויא וואכין. אונ וואר דאך העכסט צוא פרידין אונ העכסט בעגליקט דער מיט.

דיזע הינדערניסע (עכוב) האט מיך געטראפען אין איינער שטאציע וואס וואר ניט ווייט פון קיעוו. איך האב דארטין קיין פערד דער וויסט אונ האב געמוזט מיך דארטין פאר זאמען איינינע שטונדען. דער ווילע אום דיא צייט צוא פאר טרייבין אונ דער צוא נאך וואס צוא געניסען בין איך אריין צוא דעם פאצט סאדערזאטעל וואס וואר איין איד קוים בין איך אריין דארטין אין שטוב איז מיר אנטקעגין גיקומען איינע ווייבס פערזאן שיין וויא איינע געטין איין הימעלשעס געבילד. זיא וואר דאן אלט קוים דרייא אונ צוואנציג יאר. אונ געקליידעט זייער רייך אונ מיט גרויס געשמאק אונ האט מיך זייער פריי־ דליך גערוסט. איך האב זיא דער זעהען בין איך גיווארין גאנץ געבלענדעט פון איר שיינהייט אונ צוא גלייך הינגעריסען געווארען פון איר (איך בין איר געווארען גאנץ ערגעבען איר) דען איך האב באלד ביא דעם ערסטען אויגען בליק דער קענט אין איר דאס בילד מיינער מוטער. דאס זעלבער וואוקס דיא זעלביגע מינען דיא זעלבינע ציגע. קורץ דער פון איינע עכטע קאפיע פון מיינער מוטער אונ איין צווייטער עקסעמפלאר (אבראזעץ) פון מיר זעלבסט עס וואר דיא זעלבע שטימע דאס זעלבע פריינדליכע לעכלען (שמייכלען) זיא האט מיך גענריסט אין רוסיש אונ איך האב איר געענטפערט אין אידעש. אונ האב איר באלד געפרעגט וויא זיא הייסט אונ פון וואנען זיא איז אונ ווער אירע עלטערען זיינען אונ נאך אזעלכע טויזענדע קליינע פראגען. עס וואר איר צוואר דיזע פילע פראגען מיינע נאך אנאנדער העכסט אויף פאלענד (וואונדערליך) ביא אלעם דעם וואר זיא גענוג העפליך צוא בעאנטווארטען מיך אויף אלע דיזע שאלות צוואר זייער קורץ דאך גענוג בעפרידיגענד.

איך הייסע באדאנע שאליטע האט זיא מיר געענטפערט מיין

פאטער

RECOGNITION



פאטער הייסט ר׳ הירש פלעקסער מיינע מוטער טויבע מיין מאן פרץ שאליטע. און איז אלזוי פאצט סאדערזאטעל געבארען בין איך ווייט פון דאנען אין קאזאן אלזוי בלייבע איך אייך קיינע אנטווארט שולדיג נון האב איך שוין דאס רעכט צוא מאכין אייך אויך מאנכע פראגין. ערסטענס וואצו האט איר עס געדארפט וויסען. און צווייטינס ווארום האבען מיינע אנטווארטען זייער שטארק געווירקט אויף אייך דען איך האב בעמערקט דאס אייער געזיכט האט זיך רע־ ביי גאנץ אויף געהייטערט (פריילך גיווארין) פאר געווים מוז וואס דאהינטער שטעקין נון וויל איך שוין אויך וויסען ווער איר זייט און בפרט דאס בייא אייערעם ערסטין אריין טרעטען אין שטוב האב איך אין אייך דר זעהען איין טיפ (אבדרוק) פון מיינער מוטער און פון מיר פיל לייכט זייט איר אונזערער איין אייגענער. שעמט אייך ניט מיט מיר דען מיר זיינען אייך גלייך. ווען אייערע עלטערען האב איך איר גענטפערט בעוויינען נאך. אדער האבין אמאל בעוויינט אדער אם ווייניגסטען דער מאנען זיך נאך אן איינעם פערלארענעם זון וואס האט גיהייסען וואלפע. בין איך קיין אנדערער אלס אייער פארלארענער ברודער וואלף און איר זייט מיינע איין שוועסטער וואס איר זייט זייא געבארען געווארען נאך מיינעם פאר פאלין ווערין פון זייא. קוים האב איך עס אוים געשפראכען איז זיא מיר ארויף געפאלען אויף דעם האלדז מיט אקושעראייא און מיט אגעוויין און דאס גלייכין איך איר. און אלס אונזערע געמיטער האבין זיך איין עטוואס בערוהיגט וואר מיינע ערסטע פראגע צוא לעבען נאך אונזערע עלטערען און וואו געפינען זייא זיך. דיא אנטווארט וואר ניט מינדער (ווינציגער) גוט אלס ערווינצט פר מיר. זייא לעבען געלויבט דער אויבערסטער האט זיא מיר געענטפערט און זיינען געזונד און דוא וועסט זייא באלד זעהען דען זייא וואוינען דא אויף דעם הויף און בעפאר נאך מיר האבין פאטשפייעט אריין צוא גיין צוא זייא זיינען זייא ביידע וויא גערופען אריין אין שטוב איך האב זייא ביידען באלד דער קענט דען זייא האבין זיך





ביידע גאנץ ווייניג גיענדערט גאנץ גוט ערהאלטען. מיין פאטער וואר נור איין ווייניג גראי און מיינע מוטער האט שוין פיל ווייניג פאר לארין פון אירע יוגענד רייצע (שוינהייט) אבער עס וואר נאך אין איר געזיכט געניג שפורען (סלאדען) פון איהרע פאריגע בליהענדע פארבע און איך וואלטע זייא אלזוי דער קענט פון זעלבסט דאס הייסט ווען איך וואלט זייא אן טרעפען אום געריכטער הייט גאר אנדערש וואו. זייא אבער האבען מיך ניט דער קאנט און בייא אלעם דעם האבין זייא מיך אן געקוקט פיל מער אלס איינעם אנדערען. דען מיין געזיכט האט זיי אן געצויגען צוא מיר און איך אוים פורכט פאר איינע פלעצליכע איבעראסונג (בשורה) האב איך מיך אויך ניט באלד אוים געגעבען פר זייא. נור דיא טאכטער האט מיך פאר געשטעלט אלס איינעם פערוואנטען פון איר מאן און האב מיך אלזויא אריין געלאזען אין אגעשפרעך מיט זייא איך האב זייא דער ציילט מאנכע זאכען פון מיינער ערלבנים (וואס עס האט זיך מיר געטראפען אין מיינעם לעבען) און זייא מיר אויך אונטער אנדערע ענינים האבען זייא מיר דער ציילט דאס עס איז בייא זייא איין איינציגער זון פאר לארען געווארען. און דיא מוטער האט דער בייא מאנכע טרערין פאר לארען. ווען אנדערש ער נאך לעבט האט זיא צוא מיר געזאגט זעהעט ער געווים אוים וויא איר. דען איך קען שווערען דאס איר גלייכט אים וויא איין טראפען וואסער דעם אנדערען און גראדע דיזע רייסט אונז אויף דיא אלטע וואונדען וואס וויל זיך נאך ניט פאר נארבען (פאר שטרופען) און בלוטעט פון נייעם.

און איך מעדאמע האב איך איר גענטפערט וועל איר (דיא וואונדע) שוין פעליג (אין גאנצען) היילין איך וועל אייך אים צוא ריק געבען. איך קען אים און גערוסע אייך אין זיינעם נאמען הער וואלפע פלעקסער. ער לעבט וויא איך. איז גרוים וויא איך און איז זעלבסט איך.

בייא דיזער אנטווארט האבין מיינע ביידע עלטערין געמאכט גרויסע אויגען האבין מיר טיפער אריין גיקוקט אין גיזיכט און

האבין באלד געפונען אין מיר בעקאנטע שפורען (סלאדען) אונ האבין אין מיר דער קענט זייער זון דעם ליינגסט בעוויינטען וואלפען אונ זיינען ביידע צוא גלייך ארויף גיפאלין מיר אויפין האלדז מיט אגרוישין גישריא וואלפע! וואלפע! אונזער זון! אונזער קינד! אונ זיינען געבליבין שטיל דען עס איז בענומען געווארין דיא שפראכע ביא זייא אויס גרויס פריידע. אונ עס האט גיוועהרט מער אלס אפאר מינוטען ביז זייא האבין איר (דיא שפראכע) ווידער געפונען אונ דאן האבין זיי ביידע אויס גיבראכין אין פריידין טרערין אונ האבין מיך בעשטורעמט מיט טויזענדע פראגען אונ בעשאטען מיט טויזינדע קיסע (קוסען) אונ דאס גלייכען איך זייא. אונ אלס מיר האבין אונז איין עטוואס בערוהיגט האבין זייא מיך אפ געפירט אין זייער קליינעם אבער העכסט גידליבען (שיינעם) אונ ריינעם וואוינונג. אונ אלס איך האב מיך שוין געמאכט דארטין בעקוועם (צוא רעכט געמאכט אויס געצויגין מיינע רייזע קליידער אונ גיזעצט מיך מיט זייא צום טיש וואס איך האב שוין דער וויסט אויף אים איינעם קאבענדען כאמאוואר האבע איך זייא שוין גאנץ גענינע געטאן אלע זייערע פראגען (פאר ענטפערט אלע זייערע שאלות) וואס זייא האבין מיר גימאכט אין דיזע קורצע צייט מיט דעם וואס איך האב זייא דער ציילט דער ווייל אין קורצין מיינע געשיכטע עס איז מיר אום מעגליך צוא בעשרייבין דיא בעוועגונגען פון זייער געמיטה אויס הערינדיג דיזעם. באלד האבין זייא גיוויינט באלד האבין זייא זיך גיפרייט. אונ וויא קורץ איך האב עס דער ציילט האט עס גיוועהרט ביז אשטיק אין דער נאכט. אונ אלס איך וואר שוין מיט איר (מיט דער געשיכטע) שוין צוא ענדע האבין זייא מיך ווידער געקוסט געבענצט געלויבט אונ געפריזען דאס איך בין ביא אלעם דעם געבליבין איין איד אונ דער צוא נאך איין יודע ספר אונ נאכהער אלס מיר האבין אונז געזעצט צוא אבענד ברויט איז אן געפארען מיין שוואגער. איין מענטש פון איאר פינף אונ דרייסיג. אשיינער מאנש פערזאן געקליידעט גאנץ

אראפייעס



אראפייעש אונ דער צוא פון איין גאנץ איידעלען בענעמען. ער איז עבען גיקומען פון קיעוו. מיר האבין אונז העכסט פריינדליך אונ ווארעם געגריסט אונ געקוסט וויא הייסע ברידער ביא דעם ווידער זעהען. זיך נאך איינער לאנגען טרענונג (שיידונג). אונ איז אלזויא אויך פאר בליבין ביא אונז מיט דער פרויא (מיינע שוועסטער) צום אבענד ברויט. מיר האבען אונז גיטליך געטאן. אונ מיינע עלטערען האבען דיזען מאלצייט דער צוא נאך פאר ווירצט (פאר בשמימט) מיט ערציילונג פון זייער ערלעבענעם (וואס זייא האבין דער לעבט) צייט איך בין פון זייא פאר לארין געווארען. וואס איך וועל דער פון דער ציילען גאנץ אפ געקירצט אין דיזעם לעצטען קאפיטעל.

## 17

### איינע קורצע מיט טיילונג
### (דער ציילונג) פון מיינע עלטערען

נאך האט קיינע מוטער אזוא פיל בעוויינט איר פאר שטארבענעם קינד האט מיינע מוטער אן געהויבין איר דער ציילונג אלס איך האב דיך מיין לעבענדיגעם קינד בעוויינט אלס דוא ביזט פאר לארען געווארען פון מיר. פאר געוויס ניט וויינינער אלס אונזער פאטער יעקב האט באוויינט זיינעם זון יוספין גאנצע אכט טעג האב איך דיר מיט דעם לעסניק אויס גיזוכט אין אלע ווינקעלאך פון וואלד אין איינער שטרעקע פון כמה וכמה מייל אונטער יעדען בוים. אונטער יעדען קוסט. איך בין געווארען הייזעריק צוא שרייען וואלפע! וואלפע! עס וואר אבער פאר לארענע מיה. דען איך האב קיין שפור (סלאר) דער וויסט פון דיר. אונ אלס איך בין שוין געבליבין אן קרעפטין אונ אן איינער שטימע אונ אן אויגין פון וויינען. בין איך אפ גיפארין פון דארטין אלס איינע טרויערינדע מוטער מיט איינעם וואונדען הערצען. אונ בין גיקומען קיין קאזאן צוא דיינעם פאטער איינע געבייגטע אין דרייען מיט איינעם צערקנירסטען (צוא

בראכענעם

בראכענעם) געמיתה. דאס ער האט מיך שוין ניט דער קאנט. און נאכהער אלס ער האט אין מיך דער וויסט זיינע אמאל גיוועזענע שיינע פרויא טויבע און האט געמאנט פון מיר דיר זיינעם בן יחיד. וואר מיר דאן פיל שלימער צום מוטה אלס איינעם פעלד מארשאל וואס קערט זיך אום פון שלאכט אן איין סאלדאט און שרעקט זיך פאר זיין קיניג וואס וועט מאנען פון אים זיינע ארמייא און וועט אים שטעלען צום קריגס געריכט (וואיענע סוד). גענוג מיין קינד ערשפארע (פאר שפאר) מיר דיא שמערצען צוא שילדערין דיר און וואס פאר איין שרעקליכע ווירקונג עס האט געמאכט אויף דיינעם צערטליכין (הייסין) פאטער דיזע טרויעריגע נאכריכט דאס דוא ביזט גיוואָרין פאר לארין פון מיר פילע וואכין און מאנאטין וואר ער וויא איין געלעמטער (פאפלעקצירטער) דער פון און נאך הער איז ער אריבער געפארין צוא דעם לעסניק אום צוא ערפאהרען (דער גיין) צוא איז ניט וואר צוא הערין פון דיר עס וואר אבער אלס אומזאנסט און אזא ווארין מיר פאר זונקען אין קומער און אין טרויער אום דיך דאס קיין לעבלען (איין קליינעס לאבין) וואר צוא זעהען אויף אונזער מונד. און קיינע הייטערקייט (פרייליכקייט) אויף אונזערע געזיכטער ביז דער בורא ברוך הוא האט אונז דער פרייט מיט אטאכטער. און דיזע איז עס דיינע שוועסטער באדאנע. זיא האט אונז שוין איין עטוואס געשטילט אונזערע טרערין און גמילדערט (ערוויבט) אונזער קומער.

זיא האט זיך ביי אונז גליקליך דער צויגין. און האט גינאסין איינינערמאסען בילדונג דען זיא האט באקומען אונטער ריכט פון דיא גובערנאנטין וואס וואר ביי דעם וואדנעם אפיציר און אמאל פון זיינער פרויא זעלבסט. דען זייא ביידע ווארען אונז העכסט גוט. מיר ווארין אונטער אים גאנצע אכצעהען יאר און האבען צוא זאמען געקליבין איין שיינעם פאר מעגין. און דאן האט דיין פאטער שוין בעקומען איינע פאלנע אסטאווקע און דאס גלייכין דער אפיציר אויך. מיר האבין אונז דא

באזעצט



בעזעצט אין דער שטאט זעלבסט (אין קאזאן) און האבין גי
איין קליינעם אידעשין איין פאר הויז. דען עס וואר שוין ער
אידין צוא האנדלען דארטין. און עס איז אונז גאנץ גוט גינ
עס פלעגין צוא פאר קערין צוא אונז שיינע קויפלייטע. און
אויך אנדערע דורך רייזענדע און ווארען העכסט צוא פ
מיט אונז. דען דוא ווייסט דאך מיין קינד דאס איך בין
ווירטין. אגוטע קעכין אגרויסע צוכט. און פאר שטייא ו
בעגיין מיך מיט יעדע קלאסע מענטשין.

אין אפאר יאר ארום האט איין גיקערט צוא אונז אין ה
איין יונגער מאן וואס וואר פאר שיקט אויף איאר פופצעהען
טיף זיבירען אלס פרייא פאסעלענע. ער האט דארטין גי
גוטע גישעפטין און האט צו זאמען גישארט אקאפיטאל פון או
דרייסיג טויזינד און איצונד פארענד צוא ריק. האט ער זי
גישטעלט דא אין קאזאן. דען ער וואר אונפאס (ניט ג
עפעס) און איז אלזויא פאר פארין צוא אונז און איז
בליבין אין אונזער איינפאר אגאנצין מאנאט וויל דיא ער
(דיא דאקטורים) האבין אים פאר באטין צוא רייזען אין
גרויסע פרעסט דען עס וואר דאן ווינטער דרויסען. און א
דיזער צייט האט ער שוין געהאט גענוג געלעגענהייט צוא
קענען דעם גרוישען ווערט פון דיינער שוועסטער און
גלייך צוא פאר ליבין זיך אין איר. דען ער וואר נאך
בחור און האט זיא גיהייראטעט. און אלס ער איז גע
געווארין וויא גיהעריג האט ער אונז בערעדעט (צוא נע
דאס מיר זאלין אראפ פארין מיט אים קיין פאלטאווא פון ו
ער איז און האט אונז פאר שפראכין צוא האלטין בכבוד
אייגענע עלטערען און מיר האבען עס מיט פריידען גע
ערסטענש מיר האבען אונז ניט גיוואלט שיידען פון א
טאכטער. צווייטינס האט זיך שוין גיוואלט אונז פאר ל
אונזערע עלטערע יארען אונטער איינע אידישע געמיינדע.
ערשטע צייט האבין מיר גיוואוינט אין פאלטאווא אפאר יאר

האבין

האבין זייער גוט פאר דינט אן קליינע פארראטליך. אונ איצט האלטין מיר דיא פאצט צוואר אויף מיין נאמען דען ער (מיי- איידעם) טאר נאך ניט (אלס איין מאל פאר שיקטער) קיין קאזאנעם עסק אן נעמען אויף זיין נאמען. אונ מיר לעבען אונז אלזויא העכסט פרידליך אונ פריינדליך אין עהרען דאס עס בלייבט אונז ניט איבעריג שוין בעסער צוא ווינצען. דען עס גייט אונז אין גישעפט זייער גוט. אונ מיר זיינען צוא גלייך אין גרויסען אן זעהען (זנאצעניע) ביי אידין אונ ביי קריסטין דען מיר זיינען גאט זייא דאנק בראווע לייט.

איך האב מיך ביי מיינע עלטערין פאר זאמט גאנצע צוויי וואכין אין לוסט אונ אין פריידין. אונ נאך הער בין איך אפ גיפארין פון זייא מיט מיינער מוטער וואס איך האב איר מיט גענומען צו מיר אין קעסענאוו אום דאס זיא זאל קענען מיין פרויא מיין קינד מיין שווינער עלטערען. אונ זיא וואר ביי זייא איין גרויסער גאסט. אונ זיא האט מקבל נחת גיוועזן פונמיר דארטין. דאס זיא האט ניט גיוואוסט וויא צוא דאנקען אונ לויבען אונ פרייזען דעם באשעפער. אונ אזוא זעהען מיר אונז איינאנדער זייער אפט אונ באשפרעכין אונז נאך ביז איצונד פון אונזערע וואונדערליכע פאר גאנגענהייט (עבר) איך וואוין איצונד נאך מיט מיינע שווינער עלטערען צוא זאמען אין קעסענאוו מיר זיינען רייך אנ העכסט צוא פרידין מיט אונזער לעבען. אונ לייגנסט (ניט לאנג) בין איך דורך גיפארין געשעפטס האלבער דורך צ״ע מיין געבורטס ארט. אונ צוא גלייך דיא שטעטיל וואס האט אונז אזוא פיל וויהע געטאן. איך האב מיך דארטין אומישנע פאר זאמט אגאנצין טאג אום צוא באטראכטין איר אונ אום צוא באשפרעכין מיך מיט מאנכען איבער דעם געוואלטיגען אום רעכט וואס זייער געמיינדע (אבצעסטווא) האט אוים געאיבט (געטאן) מיט מיינע עלטערען. עס האט עס אבער נימאנד געדיינקט. איך האבע מיר דיא מיהע גענומען אויף צוא זוכען דיא שטיבעלע וואו מיר האבין דאן





געוואוינט אלס דיזעס אום גליק איז אונז געשעהען אונ האב איר געפונען דען איך האב איר גוט גידיינקט. אונ האב דארטין דער וויסט נאך דעם ווירט צוא וועמען זיא האט נאך דאן געהערט. איך האב מיך אוים געגעבען פאר אים ווער איך בין. עס האט זיך אים אבער גאר ניט געוואלט גלויבין דאס איך בין דאס יענער קליינער וועלפקע ביז איך האב אים געגעבען געוויסע בעווייזע דארויף. ער האט זיך העכסט געפרייט מיט מיר. ער האט מיר אוים גיקוסט אלע גלידער אונ האט מיר צוא גלייך דער ציילט דאס דער פלוך פון מיינער מוטער וואס זיא האט גיפלוכט זייער שטאט פאר איר אפ פארען איז כמעט מקוים געווארען אין גאנצען׳ דען באלד נאך איר אפ פארען וואר דארטין אגרויסע שרפה. נאך הער אגרויסע חלי רע. דער צוא נאך איין שווערער פראצעס וועגין איין נעפראוועלנעם נאבאר אונ איז זייער שטארק גיזונקען אין מעמד פון פרנסה. איך האב דער פון צוואר קיין גרוים צער געהאט אבער אויך קיין גרוים נחת. אונ בין ביי אלעם דעם אוועק פון דיזער שטעטיל איין העכסט צוא בראכענער מענטש דען אזויא איז שוין איין מאל דער מענטש אזויא געמאכט דאס דיא שטעלע וואו ער נאר איין מאל געליטען האט מאכט אויף אים איין שרעקליבין איינדרוק *) אונ אין וועלכע שטעלע האט נאך אמענטש אזויא פיל געליטין אלם

*) אונ דיזעס איז דער מיין פון דעם פסיק „הנני בורא שמים חדשים וארץ חדשה ולא תזכרנה עוד הצרות הראשונות״ דאס הייסט גאט זאגט דאס אין משיח צייט וועל איך בישאפען נייע הימלען אונ איינע נייע ערד אונ וועלין שוין פאר געסין דיא פארינע צרות. דען כל זמן עס וועלין זיין דיא ערשטע הימלען אונ דיא ערשטע ערד וועלין אונז דיא ערסטע שטילען נאך אלץ דער מאנען אן דיא ערסטע ליידען וואס מיר האבין דארטין געליטין איין מאל. נון וועט שוין גאט שאפען איינע

איך אין דיזער: איך האב עס נאך הער דער ציילט מיינער מוטער אונ עס האט איר העכסט גיקריינקט ביים איהרעם פעסטען גלויבען דאס נור זיא מיט איהר פלוך האט דיזען איבעל (אום גליק) דארטין פאר אור זאכט אונ האט געשיקט אהין געלט אויף פעלד מעשטען אונ צדקה געבען.

נון מיינע לעזער. בין איך שוין מיט מיינער דער ציילונג צוא ענדע. זיא איז זייער שיין דער צוא ניט קליין אונ צוא גלייך העכסט בעלעהרענד פאר יעדע קלאסע מענטשין ערסטענש דאס ווער עס האלט זיך פעסט אין גאט. האלט זיך גאט פעסט אין אים. צווייטענש איז דער פון צוא זעהען דאס על פי רוב ווערען דיא רעות וואס איין מענש וויל טאן דעם אנדערין פערוואנדילט צום גוטין וויא דער פסוק זאגט ביים דר גישיכטע פון יוסף דאס ער האט גיזאגט צו זיינע ברידר "אתם חשבתם עלי רעה ואלהים חשבה לטובה" אזו וואר דר פאל ביי מיר די פר פלוכטע אבצעסטווא מיינע האבין געמיינט אונז אום גליקליך צו מאכין מיר זיינען גראדע גיווארען דורך דעם העכסט גליקליך. דריטענש איז צו לערנן (קענען) די רוסיסע נאציאן דאס זיי זיינן פון גרונד אויס גראדע מענטשען גוטמוטהיגע מענטשען העכסט נאסט פריינדליך אונ פיל טאלעראנטער (צערפליווע צו איינעם אנדערין גלויבין) אלס דיא קאטוילין אונ פאסין זייער לייכט איין צו טרעטען צו איינעם פרעמדין אונ בלייבן אים גוט אזו לאנג ער נור ערליך בלייבט אונ דאס איז אונז יודין גאנץ נייטיג צו וויסין דען זיא (דיזע רוסיסע נאציאן) איז דאך אונזרע הערשענדע אונ צו גלייך שיצענדע מאכט.

---

גאנץ אנדערע וועלט וואס וועט שוין ניט זיין אין איר קיינע שטעלע וואס מיר האבין אמאל געליטען. "כ"א שישו וגילו עדי עד" עס וועט נור זיין דאן פריידען אונ איין פרייליכעם לעבען.